STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10232

VIDERKLANGEN

Eliahu Rajzman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליהו רייזמאַן
ווידערקלאַנגען

אליהו רייזמאַן

#ווידערקלאַנגען

וואַרשע, 1974

E. Rajzman
Oddźwięki

Red. Sz. Belis
רעד. ש. בעלים

Wydawca: Zarząd Główny Tow. Społ. Kult. Żydów w Polsce
W-wa, Pl. Grzybowski 12/16

P.Z.Graf. RSW „Prasa-Książka-Ruch". Al Jerozolimskie 125. Zam. 4424. W-102
Druk i oprawa RSW Zakł. Graf. W-wa, ul. Srebrna 16, zam. 328-74/O

איך און דו

געליבטע מיינע

זער דאָס שטילע שוידערן אין נאַכט־געצווייג.
אויף סטרונעס פון שטערן־ציטער
וויברירט אַ בלוי געזאַנג —
דאָס איז מיין ערב־ליד צו דיר.
ווי טרויבן פונעם קוסט
איך רייס די זילבן פון די שטערן אָפּ,
געליבטע מיינע.

עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער נאַכט,
געדאַנקען־שאָטנס טונקלען —
זיי האָבן אין מיין וואַכנדיקן שלאָף
ווי אַ חלום דיך אַריינגעטראַכט,
געליבטע מיינע.

דעם הימל איינגעדעקט האָט שעה פון רו.
די באַפּליגלטע רגע פון רחמים
שוועבט אין איר אַרום.
איך דערקען דיך
און נעם דיך אַרום,
געליבטע מיינע.

אין דער פויגל־נעסט באַגינט.
אויף גראָז און קווייט
זוניקט מיט אַלע קאָלירן דער טוי.
דער בוים ציט זיין שאָטן צוריק
אין זיין הילצערנעם איינגעוויד אַריין.
דו קומסט מיט דער שטילקייט פון נאַכט
און פאַרגייסט צוזאַמען מיט איר,
געליבטע מיינע.

בענקשאַפט

לעצטע שקיעה־פּעדים,
ווי איבערגעבּרענטע שנויצן פון ליכט,
גייען אויס אויפן ראַנד פון טאָג —
ווי אַזוי וועל איך דיך געפינען?
נעגליכן ביסטו צום שאָטן
פון בוים אין פעלד,
צו אַלע שאָטנס נאָך פאַרגאַנגענע זונען.

מיט אַ פּעכער פון שמייכל־שטראַלן
קומסטו מיר אַנטקעגן.
דורכזיכטיק, ווי לופט, איז דיין וועזן.
דערפאַר מיידט דיך מיין זוכנדיקער בּליק —
גליק פון מיין גליק,
טרוים פון מיינע טרוימען.

זינג אַריין אין חלום פון מיין שלאָף,
נאָר נישט בּליק אין מיין וואַך זיין
מיט ערדיש־פאַררויטלטע אויגן.

פאַרבּלייב, פאַרבּלייב
אין מיין מיט בענקשאַפט גליענדיק בּלוט,
איך וועל דיך געפינען,
ווען מיין ליד וועט פון מיר אַנטלויפן.
אָ קום, אָ קום,
דערגרייכן זאָלן דיך די פליגל
פון פאַרשאָטנקייט אַרויסבּאַקומען
און אין מיין הויז דיך ברענגען
אַן איינגעהילטע אין געזאַנג
פון שיר השירים.

צום מענטש פון עתיד

דערמאָן מיך נישט צום שלעכטן,
צי די ווערט איך האָב עס, אָדער נישט.
מען זאָגט, איך בין דער מענטש פון נעכטן,
און דו אַ נייעם היינט האָסט אויפגעמישט.

איך דעם עבר האָב פאַרשריבן,
און דו, — דעם עתיד טראָגסטו אין דיין בלוט.
פאַרטרייב מיך נישט, ווי איך דעם אורמענטש האָב פאַרטריבן
און טרעט, נישט ווּיסנדיק, אין זיינע טריט.

פון עפּעס בייז נישט זוך אין מיר קיין סימן.
זע — איך נעם דיך אויף מיט זאַלץ און ברויט.
כ׳האָב געהאָפט, געווזסט, אַז דו וועסט קומען
און די שענסטע וועגן פאַר דיר אויסגעבויט...

איך שטעל זיך פאָר: אויף פליגל וועסטו פליען,
די זון אַליין פון ליכט דיין פּנים וועבט.
דאָס בשורה־צווייגל, וואָס וויל ביי מיר נישט בליען,
ווערט מיט אַלע פאַרבן ביי דיר אויפגעלעבט.
דיינע הענט נישט מיט האָר זענען באַוואָקסן,
דיין בליק, נישט מדברדיק, איז מיד און ווילד.
די שאָף, דעם לייב דו טראָגסט אויף דיינע אַקסל,
דאָס קינד, וואָס פירט זיין אונטערטעניקייט, מיט אים זיך שפּילט.

די וועלט פון זקנה הייבסטו אָן באַפרייען,
באַרג־אַראָפּ פון צייט עס פליסט אַ מוטנער שטראָם.
נישט נויג אַראָפּ פון וועג, עס קאָן אַ הרף־עין
דיך אויפטראָגן צום הימל ווי אַ שוואַרצער שוואָם...

פרייער פון ווינט

דער ווינט איז פון אַלע צוימען פריי,
נאָר איך בין פון אים נאָך פרייער.
די זון אַלע טאָג ווי אַ שריפה צוט פאַרביי
און אין מיר פאַרבלייבט איר פייער.

מיינע אויגן ברענען מיט יעדן איר פאַרגאַנג.
איך זאַמל די שקיעות ווי ווײַן אין קריגן,
ביז וואַנען מיין שאָטן צעוואַקסט זיך לאַנג,
ווי אַ קראַטער וואָלט אים אויסגעשפּיגן.

אין אַ וואָלקן־פלאַם, ווי אין אַ מרכבה של אש
איך טראָג זיך אין הימל — אַ פייערדיקער רייטער,
כ'ווארף אַראָפּ פון זיך דעם מלבוש פון בלוט און פלייש,
צעברעך די שטאַפּלען פון יעקבס לייטער.

איך שוועב דורך מיין חלום מיט וואַכע טריט,
באַגעגן מלאכים מיט ערדישע פליגל —
נישט דאָס בליי פון דער וואָר באַשווערט מיין געמיט —
די וועלט פאַר מיר איז אַ קינדעריש וויגל.

נישט די הייך איז מיין טרוים, נישט די נידער — מיין שרעק,
מיך וועט נישט קיין שטרוי פון דערטרינקען באַשיצן,
כ'וועל שטאַרבנדיק לעבן ווי אַ בוים נעבן וועג,
פאַרגליווערט אין קעלט און געטראָפן פון בליצן.

צי גרוי, אָדער שוואַרץ וועט דאַן זיין מיין קאָליר,
נאָר בלוי איבער מיר וועט פאַרבלייבן דער הימל,
אינעם טונקל באַווינטלטן קרייז אַרום מיר
מיין שאָטן וועט וויגן דעם וואַנדערערס דרימל.

פאַרלאָז דיין וועג, מיין פריינד

די לעצטע שעה פון טאָג גייט אויס
מיט אַ גליענדיקן שטרייף אַרומגענומען.
פאַרלאָז דיין נישט דערגאַנגענעם וועג, מיין פריינד,
נויג פון זיינע ראַנדן אָפּ, —
עס האָבן איבער אים
סודותפולע שאָטנס שליטה באַקומען.
ביים טויט שווידערט שטיל דער בוים
און דעקט זיך אַרום מיט זיינע בלעטער.
איבער אָפּהאַנגען פון הימל
אַ וואָלקנדיקע שווערקייט הענגט
און טיפערט זיך אַריין אין געמיט
פון אַן אָפּגעהיינטיקטער וועלט,
וואָס האָט אַריבערגעפריערט איר שפּעטער.

פאַרלאָז דעם וועג, מיין פריינד.
דער ממונה איבער פינצטערניש
לויערט פון אַנטקעגן.
פילסט אים נאָך נישט? ניין?
וואַרט אַ וויילע,
אַריינדרינגען ער וועט אין דיר אַליין
ווי אַ בייזער סימן,
אַז דעם באַזינגער זיינעם
האָט אָטעם אויסגעפעלט.

פון שטערן צו שטערן
לויפט דורך אַ ציטער,
ווי אַ געפרווירענע טרער אין שוואַרצן חלל.
דאָס פּנים פון לעבן
אין מלאך־המותדיקן ווינקל פון נאַכט
ווערט גרוי און אַלט.

פאַרלאָז דיין וועג, מיין פריינד,
ווען אַ הימלישער חלום
ערדיש האָט זיך אויפן קאָפּ געשטעלט

און אַפֿילו דער נעסט פֿונעם אָדלער אין פֿעלז
אַ פּחד באַפֿאַלט,
ווען חושך וואַלגערט זיך שווערגופּיק
איבער וואַלד און פֿעלד
און זשליאָקעט דעם הונגער־געוואָי
פֿון אַ שאַקאַלן־סטעפּ.

פֿאַרלאָז דיין וועג, מיין פֿריינד.
שטעל זיך אויף דער שוועל פֿון צייט,
אַז ווען קומען וועט דער ערבֿ־טאָג,
זוכה זיין דו זאָלסט
עפֿענען די טיר צו אַ מאָרגן אַזאַ,
וואָס וועט שוין קיין היינט נישט ווערן.

דיין האַרטע וואָר

כ'האָב אַריינגעבליקט
אין פּרוזדור פון דיין האַרטער וואָר
דורך בלויע חלומדיקע שויבן —
דערפאַר האָב איך מיינע רייד צו דיר
נישט פון אָנהייב, נאָר פון סוף אָנגעהייבן.

און אויב פון סוף —
וואָס בלייבט מיר שוין איבער דיר צו זאָגן?
זיי מוחל, פריינד, —
קאָן זיין, אַ שווערער שלאָף
האָט מיך פון גלייכן וועג אַראָפּגעשלאָגן.

נאָר דו ביסט וואַך
און פון מיר פאַרלאַנגסטו קלאָרע ווערטער,
וואָס מען קאָן מיטן שכל באַנעמען.
יאָ, איך האָב אויך, ווי דו, אַמאָל
ווערטער אַזעלכע פאַרלאַנגט פון וועמען.

ביז דער קלאָרער שכל, ווי אַ מאַמע,
האָט מיך פאַר אַ האַנט גענומען
און צוזאַמען מיט מיר צום אומוועג
פון „תולה ארץ" צוגעקומען.

און איך האָב דערזען דיין רויע האַרטע וואָר
אויף מיסטקאַסטנס פון אַלע צייטן
מיטן אָפּפאַל פון אַזויפיל חכמות זיך נערן
און... אונדזערביידנס סוף,
וואָס וועט אַמאָל ווידער אן אָנהייב ווערן.

כ'האָב דערזען דאָס אויג פון דיין האַרטער וואָר
אַריינגעפּראָסטיקט אין דער זון —
אַ בעלמע איבער אַלע בראשיתן גרויען.
די זון האָט אויף די ראַנדן

פון דיין טרוקענער באַזאַכטקייט אויסגעבערענט.
אָ, זאָג: ווי קאָנסטו וועלטן איבערבויען?!

דער שטערן פייערט זיין סוף
אין די הייכע הימלען.
ווען דער אָדלער שטאַרבט,
פלאַטערט נאָך אין בארג־שפּאַלטן
דער שאָטן פון זיין פלי.
נאָר איך און דו,
מיטן שענסטן חלום אין וואָריקסטער וואָר
קיין איינציקע רגע פאַר זיך אַליין
מיר קאָנען נישט פאַרהאַלטן.

וואָס יאָגסטו אַזוי?

מיך זענען מיינע טריט,
אַ שווערע משא איך טראָג,
איך קאָן זיך אין ערגעץ נישט דערשלאָגן,
און דו יאָגסט און יאָגסט,
צו וועלכן קלאָג,
גלייך דער רוח וואָלט דיך טראָגן.

איך זע דיך שוין באַלד נישט אַרויס,
אָט וועסטו אינגאַנצן פאַרשווינדן.
ביי דיר די פּיס ווי ביי אַ שטרויס
און מיינע — אין הוילע ווונדן.

וואָס טראָגט דיך אַזוי און וווהין,
אפשר נייע פּלאַנעטן אַנטדעקן?
אומזיסט, אומזיסט, אַ שאָד דיין מי,
אויך די זון איז באַדעקט מיט שוואַרצע פלעקן.

דיין שאָטן פון מיינע אויגן פאַרשווינדט,
איך וועל דיך נישט דעריאָגן —
מיר איז שווער. אַ שטורעמווינט
אויף מיינע פּלייצעס מוז איך טראָגן.

איך בין דער גלגול

כ'בין דער גלגול פון מיינע עלטערזיידעס
און וואָגל אַרום אין קריעה־געריסענע בגדים,
מיט לאָגלען בלוט אויף די לענדן
און קניפּ צונויף נאָך זיי דעם איבערגעהאַקטן פּאָדעם
אויף אַלע וועגן פון ליכט און פינצטערניש,
פון הויכע בערג ביז צום ראַנד פון שאול־תחתיה.

איך בין דער גלגול פון מיינע טאַטעס,
וועמען די פייל פון סנחריב האָט אין האַרץ געטראָפן,
דער טאַראַן פון וועספּאַסיאַנען
די ווענט פון זייער הויז געבראָכן,
די הייליקע צוואַנג פון טאָרקוועמאַדאָ — דאָס לייב געריסן,
דאָס פרומע פייער פון אויטאָ דאַ פע
זייער לייב און לעבן פאַרברענט.

כ'בין דער גלגול פון זיך אַליין,
פון אָשוויענטשימס און טרעבלינקעס געקומען
טראָג איך אַ גאַנצע וועלט מיט אַש אויף מיין קאָפּ.
די זון, ווי אַ פרעמדע, קערט איר פּנים פון מיר אָפּ,
נאַכט הינטער מיר און פאַר מיר נאַכט
מיט פינצטערניש מיין וועג פאַרצויגן.
די צייט אַליין טאַנצט פאַר מיר אַן אומגליק־טאַנץ —
וועמען נאָך בין איך גרוים אין די אויגן?!

קוק אים אָן

ער מעלה־גרהט מיט די אויגן אַ בלאַט אויפֿן בוים
און גאַוועט מיט גרינס אויפֿן ווייסן פּאַפּיר אַראָפּ,
ער זיצט אויף אַן אונטערגעבראָכענער צווייג
פֿון אַ הינטישן טרוים,
און נישט פֿון די פּלייצעס וואַקסט אַרויס זיין קאָפּ.

אין מח ביי אים פֿלעמלט אַ געדאַנק —
כאָטש שטעל פֿאַר אים אַוועק ביז צום הימל אַ לייטער.
ווי פֿון אַ פֿוילנדיקן זומפּ
עס טראָגט פֿון אים אַן איבלדיק געשטאַנק
און ער מיינט — ער איז אַן אָדלער, אַ פֿייערדיקער רייטער

עס פּלוידערט זיין צונג עובר־בטלדיקע רייד,
און אים דאַכט זיך אויס,
אַז פֿון זיי קוואַלן אַלע חכמות שבעולם.
ער ווייסט אַפֿילו נישט, אַז זיין יומטובדיקסטער טאָג
שלעפּט זיך אַרום אויפֿן מיסט אין אַ בעטלעריש קלייד
און דער שאָטן פֿון דעם טאָג
איז אַ שיכורער ליימענער גולם.

קוק זיך צו צו זיין דערהויבענעם בליק —
מיט וואָסער שטאָלץ ער רעפּרעזענטירט זיינע געהירן!
ער איז עס דער אַפּאָסטאָל פֿון וואָרט.
איבער ים פֿון צייט, צו אַלדע גאָרנישטן די בריק,
ער מאָלט אויף לייוונטן פֿון אייביקייט זיין בילד,
ווי אַן אייזל אויף דער וואַנט פֿון שטאַל
מיטן עק וואָלט שמירן.

דאָס וואָס אין מיר

1

צו וואָס פאַר אַ הייכן
מיין דמיון זאָל מיך נישט פאַרטראָגן,
אַפילו אהין,
ווו עס גילט נישט קיין מאָס און קיין צאָל —
מיין איך, אַז דאָס וואָס אין מיר
וועט דעם לויף פון דער צייט איבעריאָגן
אין פאַרמעסט מיט די מעכטיקסטע פליגל פון שטאָל.

צו וועלכן ערגעץ איך זאָל נישט דערגרייכן,
מיין דאָרט אָן אַ דאָ וועט נישט בלייבן.
צום שוונג פונעם אָדלער
איך קאָן מיין מחשבה נישט גלייכן,
נאָר קיינער פון אונטער די וואָלקנס
וועט זי נישט פאַרטרייבן.

צו וועלכע וויטן
פאַרוואָרפן איך זאָל נאָר נישט ווערן,
קיין ווינט מיינע טריט אויף דער ערד
וועט פאַרווישן נישט קענען.
אונטער הימלען מיר פרעמדע
נישט אויפגיין איך וויל ווי אַ שטערן
און נישט ווי אַ זון
אונטער זייערע ראַנדן דערברענען.

2

איך זע זיך געפאַנגען
אין קלעם פון צעעפנטע טירן,
איך שוועב אַרום טאָל פון דער וועלט,
הינטער טירן פאַרמאַכטע.
ווער ווייסט, צי די זון אין מיין בליק

וועט אַמאָל נישט פאַרפרירן
און הימלדיק שטאַרבן,
ווי די ערדישע געטער דורך מיר אויסגעטראַכטע.

דעם „איך" וואָס אין מיר,
קאָן זיין, אַז אַ שטערבלעכער גאָט
מיט קויל האָט געצייכנט,
פון מיין צעצווייטער אַליינקייט דערפאַר
נישט קיינמאָל איך וועל שוין אַנטרינען.
ווער ווייסט, צי די זון,
ווי אַ זון וועט נישט אויפהערן לייכטן,
אויב איר אייגענעם שאָטן
זי וועט אונטער זיך נישט געפינען.

אַ זילב

איך וועל דיך נישט פאַרגלייכן
מיטן ברייט־באַצווייגטן ביימער־שטאַם —
עס טרעפט, אַ שטאַם אַזאַ
באַטויבט זיך אַליין מיט זיין רוישן —
נאָר צום טליענדיקן פונק
פאַרבליבן פון אַ גרויסן פלאַם
און קאָן זיך ווידער אין אַ פלאַם פאַרטוישן.

נישט צו שטערן גלייכן וועל איך דיך,
נאָר אַזאַ, ווי דו ביסט, דיך באַשרייבן
פאַר מיר איז גענוג.
דו טראָגסט די שטערן־ליכט אין זיך —
ווען די ליכטיקייט
ממילא שוין אין דיר פאַרבלייבן.

ווייסט מסתמא —
כ'האָב ליב די פאַרב פון וואַלד און פעלד,
און מערער נאָך פון מאָרגנשיין
דאָס רויטע פייער פון די זון־פאַרגאַנגען.
די נשמה פון מיין יעדן זילב,
וואָס האָט זיך אַזויפיל מאָל אין ליד פאַרשטעלט,
דערהער איך אין ווייטע ווידערקלאַנגען.

אויך דיך
אַריינגעצויבערט האָב איך אין דעם זילב
און באַלויטערט מיט זיין זוניקייט
(דיין נאָענטן דאָ און ווייטן דאָרטן)
און ווען די שאָטנקייט פון ענדע טאָג
מיט טונקלעניש זיין זינגעוודיקע לויטערקייט פאַרציט,
נעמט ער אויפגיין אויף אַ צווייגל גרין
אין מיין לעבעדיקן יידיש־גאָרטן.

און ווייל דאָס צווייגל
יאָרן לאַנגע האָבן דיינע הענט געפּלעגט,
איז אין דיין וועזן
דער אָטעם פון זיין בלי אַריינגעדרונגען.
איך שענק עס דיר, דאָס צווייגל,
זאָל בליען מיין יידיש־ליד אויף דעם
און דיך שיר השירימדיק באַזינגען.

דריי פּייערן

דריי פּייערן האָב איך אָנגעצונדן,
אַז דערלאַנגען זיי זאָלן צום הימל —
פֿויזען זיי אויף דער ערד
שפּאַן נאָך שפּאַן מיר אַרום
און פאַרהילן זיך צום סוף
מיט אַן איינאונאיינציק פלעמל,
אַ לעצטן פונק —
פון ווערן פאַרקוילט צו פאַרהיטן.

דריי פּייערן טליען אין מיין בלוט,
זיי ווערן אין לידער פאַרביטן
און קלעטערן אויף גלייכע ווענט.
די לידער האָבן אויסגעברענט,
נאָך זיי אַ בראַנדוווּנד פאַרבליבן.

אויף רויטע לייוונטן פון אַ שטאַרבנדיקן טאָג
האָב איך מיט טינט פון מיין טונקל געמיט
נאָך געוועזענע פּייערן, לעבנם דריי,
אַ הספד אָנגעשריבן.

מיין היים איז אין וועג

1

איך בעט נישט ביי דיר,
אַז עפּעגען דו זאָלסט
פֿון דיין הויז
די טירן פֿאַר מיר
און נאָכדעם
מיך פֿון זיי פֿאַרטרייבן.
מיין היים איז אין וועג,
דער הימל טיפֿט איבער מיין קאָפּ —
אונטער אים וועל איך בלייבן.

איך אָטעם מיט שטויב,
אין שטויב איז מיין טראָט.
נישט דער באַגינען
עפֿנט דעם בליק אין מיין אויג,
נאָר אַן ערשטער אָוונטשטערן.
וויפֿל מאָל די טויב
אין דער ריינער פֿרימאָרגן־לופֿט
פֿאַר אַ שפּאַרבער נעם איך אָן.
מיר דאַכט:
אויב נישט היינט,
נאָר קומען וועט אַלצאיינס דער טאָג —
אַ רויב־פֿויגל וועט פֿון איר ווערן.

2

ווען באַגעגענען מיט ברויט און זאַלץ
דו זאָלסט מיך פֿאַר דיין הויז,
שרעק זיך נישט —
איך וועל די שוועל נישט אַריבערטרעטן.
בעסער אין אייגענעם שאָטן איינגעהילט,
מיט מידקייט צוקאָפּנס אַ זאַק,
דאָרט, ווו אַליין דער ווינט

פון קעלט אין אַ ווינקל זיך פאַרשלאָגט,
אויף נאַכטלעגער בלייבן.
אָן שעהן און רגעס
אָן פריען און שפּעטן,
און נאָכדעם ווידער
שלעפּן אויף די לענדן
דאָס אַש
פון נאָך אַ געוועזענער נאַכט,
אָדער טאָג — דערוואָרגענעם
דורך זיין אייגענעם שאָטן.

3

איך בעט נישט קיין מקום מקלט,
נישט ביי דיר און ביי קיינעם נישט,
וו פאַר שטורעמס זיך אויסצובאַהאַלטן.
איך רוף נאָר צו אַלע ווענן:
ווייט־ווייט וויקלט זיך אוים פאַר מיר!
דער הימל דורכן פענצטער —
איז קיין הימל נישט.
ער לאָזט זיך נישט
אַריינקלעמען אין ווינקלען פיר.
היי, טראַקטן פאַנאַנדערגעלאָפענע,
אייער שטיינערנע טויבקייט
האָט מיט דעם קול
פון בלאָנדזשענדיקע ווינטן
מיין גנהער פאַרשריגן —
בין איך מיט אָפענע אויגן געשטאַנען,
אַריינגעבליקט אין אַ וועלט,
וואָס טיף אין מיר איז פאַראַנען.
און געדאַכט האָט זיך מיר,
אַז די אייגענע וועלט
האָב איך שוין
טויזנטער מאָל פון זיך
מיט בלוט אַרויסגעשפּיגן.

נאַכט־מחשבות

מעסט מיין מידער בליק
דעם אומקרייז פון דער ערד,
דעם הימל מיט די שטערן.
דער פויגל שלאָפט אין זיין נעסט,
זיין חלום פאַרלאָפן מיט שוואַרץ —
אַ שטילקייט טויב צו ווערן.

מיך שרעקט די פאַרשוויגענע טיף,
וואָלט כאָטש אַ שאָטן זיך געטאָן אַ ריר,
וואָלט עמיצער סתם אַזוי
אין דער וועלט אַריין מיך עפּעס פרעגן.
מיר ווייזט זיך אויס,
איך גיי אַרום אויף פרעמדע פיס
און באַגעגן זיך אַליין
אויף אַלע הינטערוועגן.

מיר דאַכט זיך אויס,
אויף הילצערנע שטאָלצן
שלעפּט זיך אַרום אַ פון־זינען־גערירטע נאַכט.
איך מייד זי אויס
און זי
אַ וועלפיש פייערל
צינדט אין מיינע אויגן.
ווער ווייסט,
אפשר האָבן מיר זיך איינס דאָס צווייטע אויסגעטראַכט
אין אַן אָפּגענאַרטער וועלט
פון נישט געשטויגן,
נישט געפלויגן.

שלאָף! שלאָף!

שלאָף, שלאָף.
כ'האָב אויסגעלאָשן דאָס פייער,
אַז נאַכט — זאָל זיין נאַכט,
אַז רו — זאָל זיין רו.
אַמאָל פון דער ליכט די פינצטערניש איז טייער,
זי עפנט דעם וועג צו דער מאָרגן־שטערן שעה.

שלאָף, שלאָף.
פאַר אַ מידן קאָפּ —
פון שטיין קאָן זיין דער געלעגער,
אויף אַ רגע נאַכט פאַרביטן וואָלט ער דעם העלן טאָג.
אַ געפּלאָגטע חיה אין שלאָף דערפילט דעם יעגער.
דער חלום פון פאַרמאַטערטן
צו הימלען זיך דערטראָגט.

שלאָף, שלאָף.
עס שלאָפן שאָטנס אונטער שטיינער,
בערג, שוואַרצע וועלדער,
עס שלאָפט דער שלאָף אַליין
און דער הימל איבער אים
אין בלויע אָרעמס פון אַ חלום —
שלאָפט.

זאָג מיר

זאָג מיר:
איז שוין אַלץ פאַרפאַלן?
די ווענט פון מיין הויז
וועט אַ שטורעם צעטראָגן?
און דאָרט ווו אויסגעטריקנט האָט אַ קוואַל,
וועט שוין קיינמאָל קיין וואַסער נישט שלאָגן?

זאָג מיר:
ס'איז טאָג,
כאָטש כ'ווייס נאַכט איז אַרום —
אין הימל יאָרצייטיקט אַן איינזאַמער שטערן.
כ'ווייס: אין דער פינצטערניש
יעדער וועג איז קרום,
נאָר אַ וואָרט פון טרייסט
איז גוט אַמאָל צו הערן.

זאָג מיר:
איז די וועלט ביי זיך אַליין אין דער פרעמד
אַרומגעקלאַמערט מיט וואַנדער־קרייזן?
די זון זי פייערט אין אַ פאַרבלוטיקט העמד
און שעמט זיך איר פּנים באַווייזן.

זאָג מיר כאָטש עפּעס, אויב דו ווייסט —
דאָס איבעריקע וועל איך אַליין דערקלערן.
איך שטיי אויף דער גרענעץ פון מאַטעריע און גייסט,
אין כאַאָס פון זיין און נישט ווערן.

דער האָמאָ סאַפּיענס

קאָן זיין, אַז דער האָמאָ סאַפּיענס
יאָגט זיך נאָך אַ ווינט אין פעלד
און דורך יאָרן, ווי אַ חיה,
דורך פייערדיקע רינגען שפּרינגט אַריבער.
די חכמה האָט אין יעדן דור
נאַרישקייטן מער אַרויסגעפלוידערט ווי פאַרשוויגן.
די חכמה,
מיט טויזנט אויגן
זי זעט דעם ענדציל,
ווען דער אָנהייב ליגט נאָך ערשט אין קינדער-וויגל.
ווער ווייסט, ווער ווייסט
וויפל זונען ס'וועלן נאָך פאַרגיין,
ביז די צייט
וועט דעם מענטשן צו זיין דערוואַקסנקייט דערוויגן.

דאָס בין איך

ווילסט וויסן, וואָס איך טראַכט?
וואָס איך עס און טרינק,
וואָס מיר חלומט זיך אין שלאָף ביינאַכט?

שווער מיר צו ענטפערן, פריינד:
וואָס נעכטן געווען
איך געדענק שוין נישט היינט.

ווילסט וויסן ווער איך בין?

פון זיך אַליין אַן איבערבלייב.
ווי יעדער מענטש
איך לעב פאַר צייט-פאַרטרייב.

* *
*

כ׳בין דער היינט
און דער אַמאָל,
דער הויכער באַרג,
דער טיפער טאָל,
די פרייד,
דאָס געוויין,
דער רויש פון ווינט,
די שטומקייט פון שטיין,
די נאָענטסטע נאָענט,
די וויטסטע וויט,
כ׳בין די צייט,
וואָס שאַפט און צעשטערט,
כ׳בין דאָס געוויקס,
וואָס וואַקסט און וואַקסט
אַריין אין דרערד.

די אורבין

די אורבין
האָט איר גיפט
אין מיין האַרץ פאַרשטאָכן —
בין איך נאָך גיפטיקער
פון איר געוואָרן.
זענען גיפטיק מיינע רייד,
דער בליק אין די אויגן,
אויפן פנים דער שמייכל.
און זיס איז דער גיפט,
פון אורקוואַל ער שטאַמט.
עס האָט מיט איר האָניק
די בין מיך פאַרסמט.

לעצטע מיינע שטערן

דעם ליכטיקן אָנדענק פון שרה ראָטבאום.

לעצטע מיינע שטערן,
איבער טרויער־ראַנדן אויפגעציטערט,
ווי לאַנג מיין בליק וועט אייך דערלאַנגען —
נישט פאַרהוילט זיך!

אָן אייך בין איך געגליכן
צום פאַרלוירענעם פליגל־פלאַטער איבער תהומען,
ווי דערוואָרגן ליגט די שירה
פון מיין בלוט אַרויסגעזונגען.
נישטאָ, נישטאָ מער דאָס אויער,
וואָס זאָל די שירה דערהערן —
אין אַלע טויבקייטן פאַרלוירן גייען
אירע ווידערקלאַנגען.
זי ברענט — אַ פאַרברענטע אין אַלע פייערן שבעולם
און רוט אַ באַוויינטע אויף אַלע קברים
מיט אבלישע טרערן, אין וועלקעניש באַפליטערט.

אָ, לעצטע מיינע שטערן!
אַ בלויער דמיון פון מיין מחשבה־נעסט
האָט זיך אַרויסבאַקומען.

ער וואָגלט, מיט וואָר באַווערימט
אויף פרעמדע פיס און מיט אויסגערונענע אויגן,
ער זוכט די הויכקייטן געאַנטע,
וווהין ער איז נישט דערפלויגן.
זאָל אייער אויפלויכט זיין פאַר אים אַ סימן —
ווי אַמאָל פאַר דער טויב פון דער לעגענדע
דאָס צווייגל גרינע —
זיין דערנער־וועג צווישן בין־המצרים באַזינען.

אָ, ליכטיקע לעצטע טרויער־שטערן!
נישט פאַרגייט פון מיינע האָריזאָנטן
(שווער און געדיכט איז די פינצטערניש!)

מיין אַרום הערט נישט אויף צו באַשיינען.
ווייניק זענט איר, אָ, ווי ווייניק,
נאָך ווייניקער אייערע באַזינגער.
אָ, פאַרגייט נישט פאַר מיין בליק!
ווען די פאַרדאָרבענע שוואַרצקייט
וועט דעם לעצטן פון אייך פאַרלעשן,
וועט איר אין מיין חלום ווידער שיינען —
חלומות קאָן מען נישט פאַרשטיינען.

דערפאַר...

דערפאַר, ווייל שרעקלעך זענען דיינע הענט,
וועלן, פריער אָדער שפּעטער,
אַלע וועגן דורך זיי געפלאַסטערטע
ווי אַ בית־עולם פאַרוואָקסן ווערן.
ווייל פון דיינע אויגן
שרייט די אורבלינדטקייט אַרויס,
וועסטו פאַרטרייבן פון דיין שוועל די זון
און בעטן ביי דער שטאָק־נאַכט
אַ שוואַכן בלינצל פון אַ ווייטן שטערן.

אין יעדער צייט
הינטער דער זון ביסטו פאַרגאַנגען,
און ווידער אויפגעקומען
— דער אייגענער ווי שטענדיק
אויף זיך אַליין אַן אויסגעביטענער.
אַמאָל צו דער ערד,
אַמאָל צום הימל פאַרריסן דעם קאָפּ
שטייסטו, ווי ביי אַ גרויסן קבר
אין מיטן וועלט
מיט אַ לאָפּעטע אין דער האַנט —
דיין אייגענע מחשבה אין אים צו פאַרשיטן.

עך, צווייפיסיקער נאַר

נישט אַלץ וואָס דו זאָגסט, איז געזאָגט,
נישט דאָרט, ווו דו שטייסט, איז די מיט פון דער וועלט —
דיין אוראַלטער זיידע פיר פיס האָט פאַרמאָגט,
און דו האָסט אויף צווי זיך געשטעלט.

הייבן זיי דיך, הייבן איבער זיך אַליין,
זענען אַלע ווענן מיט דיר פאַרנומען:
אָט שלאָגסטו וואַסער פון אַ שטיין,
אָט שטאַרבסטו פון דורשט ביי אַ קוואַליקן ברונעם.

ווען פוןביידע פיס וואָלט דיר איינער פאַרבליבן,
אַלץ איינס — ווי אויף פיר מיט אים וועסטו שפּרינגען,
די שטומקייט אַליין האָט אויף טענער זיבן
אַ הימן־געזאַנג צו דיר געזונגען.

די שטומקייט אַליין! — ווער וואָלט עס געגלויבט! —
אונדזער צייט אַזאַ נס קאָן באַווייזן:
דאָס הערקע אויער איז טעמפּ און איז טויב
און בלינדקייט, זי שפּאַרט אין איר שפּרייזן...

און ווען דער איינציקער פוס וועט דיר אויך פאַרפעלן,
פאַרמאָגסטו אַ קאָפּ — אויף אים וועסט זיך שטעלן.
אַזוי פיל גאונים שטייען אויף די קעפּ
און דאָס לעבן צום אָפּגרונט זיי שלעפּט.

פון קברותדיקע פעלדער, פון בערג מיט ביינער,
צווישן ליכט און שאָטן, שרעק און גרויל,
גייט אויף דאָס וואָרט פון נישט־געשטויגן.
עך, צווייפיסיקער נאר, איידער דאָס מויל,
בעסער האַלט אָפן דיינע קלוגע אויגן.

געזאַנג צו מיינע לידער

מיינע לידער
וואַרעמען זיך ווי קינדער אויף דער זון,
קילן זיך אין גראָז, שווימען מיטן שטראָם פון טייך,
וואַקסן מיטן דעמב אין וואַלד —
לאָזן איבער אין זיין שטאַם
פאַרהאַלצטע יאָרן־רינגען.
זיי זענען, די לידער מיינע,
רעגנבויגנדיק־שפּילעוודיקע טראָפּנס טוי
אין שטילן מאָרגנפלאַם,
ביי זון־אויפגאַנג און פאַרגיין,
און איך אַליין
געוואָרן בין דורך זיי אַרויסגעזונגען.
מיינע לידער
זענען וואָרקענדיקע טויבן
אין באַגינענס נעפּלדיק־רויע.
זיי זענען דאָס האַרץ פון טאָג,
וואָס פון אַלע הערצער איז הייסער;
די ווייסע פליגל פון פויגל,
וואָס מאַכט דעם הימל בלויער
און די בלויקייט אַליין,
וואָס מאַכט די ווייסקייט אונטער זיך נאָך ווייסער.
מיינע לידער
זענען דער טרעל פון סאָלאָווייַ פאַרטאָג
אין צווייגן פון בליאונג יונגער;
דער מאָך, וואָס וואַקסט אַרום דעם שטיין,
אַז זיין טויבקייט זאָל צום וואַכן געהער נישט דערגיין,
און אַמאָל דער וואָלקן,
וואָס ציט דורך דער לויטערקייט
פון הימל פאַרביי
צו באַווייַנען די וועלט,
וואָס אין יעדער סאַזשלקע שטייט אויפן קאָפּ.
איך בין דער גערטנער

וואָס טרייסלט יעדן מאָרגנפרי
פון קוסט ביים וועג,
פון בוים אין וואַלד —
אַ גרין געזאַנג אַראָפּ.

צו עמעצן

איך וויל נישט דיין געוויין באַזינגען
און נישט באַוויינען דיין געזאַנג —
סיי פון ערשטן ווי פון צווייטן
בלייבן וועט קיין ווידערקלאַנג.

טויזנט מאָל דיך שוין פאַרגעסן
און אַזוי פיל מאָל דערמאָנט —
אינעם גרויסן וועלט־געפילדער
ביסטו בלויז אַ טויבע וואַנט.

נישט די ערד און נישט דער הימל,
קיינער נישט דיין קול דערהערט,
ביסט קיין דער און נישט קיין יענער,
האָסט נישט זיך אַליין דעם ווערט.

נישט מיט ווערטער צו באזינגען

אין אַ נאַכט אַזאַ

כ׳האָב צעעפנט מיין פענצטער
אין דער גרינער טונקלקייט אַריין,
האָט אַ פינגערדיק בלאַט פון אַ צווייג אַראָפּ
איר אָטעם אַ קיל געטאָן אין מיין פּנים.
האָב איך דערפילט
די בליענדיקע קראַפט פון אַ דעמב,
וואָס דרימלט מיט שטערן אין זיין קרוין
און מיט שאָטנס פון רו אַרומגעשאָטנט.

כ׳האָב צעעפנט מיין טיר
אין דער גרינער טונקלקייט אַריין
און דערהערט
דעם וואַכנדיקן רוף פון אַ פויגל
אין זיין קורצשעהדיקן שלאָף.
האָט מיר דער רוף דערמאָנט
אין אַ זינגער, וואָס האָט אַנומלט
פון אַ חלום זיין ליד אָנגעהויבן
און קאָן נישט אויף דער וואָר
דערגיין מיט זיין ליד ביז צום סוף.

כ׳בין אליין אַרויס
אין דער גרינער שטילער טונקלקייט אַריין,
און דערזען די צאַרטע הענט פון דער נאַכט,
ווי זי באַשיצט, אין וואַלד-געדיכטעניש,
די נעסט פון רויבערישע ציין
און פון שפּאַרבער-נעגל;
ווי פאַרן זשוקל אַ סאַמעט געלענערל פון גראָז בעט זי אויס —
האָבן מיינע הענט
אַרומגענומען די נאַכט,
די ליבע מוטער-נאַכט,
וואָס האָט מיך אַזויפיל מאָל פון אומקום פאַרהיט.
איך האָב געטראַכט:
וויפל ליכט —

נאָך מערער אַמאָל ווי פון ליכטיקסטן טאָג —
פון אַ נאַכט אַזאַ
שפּאַרט אַרויס.

זון

זאָל ווער עס וויל באַזינגען די זון —
פאַרגלייכן איר צום מענטש,
דעם מענטש צו איר.
פאַר מיר איז גענוג,
אַז אַלע טאָג
איך געפין זי ביי מיין טיר.

מיר גייט נישט אָן איר גרויס,
איר באַשטאַנד, צי באַשאַפן האָט איר גאָט,
אָדער געוואָרן פון זיך אַליין.
צי ציט מען זי פון פּוטערפאַס אַרויס
דורך אַ סודותדיקער האַנט
און אויב זי האָט אַ פלעק אויף זיך.
פאַר מיר איז גענוג,
וואָס דער פלעק בין נישט איך.

זאָל ווער עס וויל באַזינגען די זון —
אין אויפגאַנג,
אין פאַרגאַנג,
פאַר מיר איז גענוג,
אַז אמתע ליכט
איז פריי פון לויב-געזאַנג.

אין שטילע שעהן פון פאַרגיין

אין שטילע שעהן פון פאַרגיין,
די גרויע נאַקעטקייט פון וועלט
באַפייער מיט דיינע צונטע פאַרבן,
אייביקע מאַמע־זון.
אויף אַן אָונטיקער דרימל־צווייג
בנשיקה גייט אוים דער היינט,
ער שטאַרבט.

מאַמע־זון!
וויפל מאָל דו לעשט זיך
און פאַרגייסט
אַלצאיינס איז דיר באַשערט
אין שטילע שעהן פון פאַרגאַנג
תחית־המתים וועקן
דעם מאָרגן,
וואָס פון ווייטע נעכטנס איז אַ ווידערקלאַנג
און קיינמאָל קאָן נישט גיין פאַרלוירן.
ווי די ערד,
וואָס אייביקט זיך אין עלטער פון איר אייגנעם קרייז
אַזוי דער נעכטן איז —
פאַרגאַנג און ווידערקלאַנג.

שטילע שעהן פון פאַרגיין.
דער פויגל קומט צו פליען צו זיין נעסט,
דער מידער — צו זיין רו,
דער שאָטן רייסט זיך אָפּ פון בוים,
אַנטלויפט פון אים אין פעלד אַריין.
בלייבט דער בוים אַליין
און דער שאָטן אַליין
און די טויבקייט פון דער נאַכט
נויגט דאָס אויער צו דער שטילסטער שעה
כדי די פלוידערייען
פון אַ שלאָפנדיקער וועלט
צו הערן.

זינג, מיין ערד

זינג, מיין ערד,
אַ גרויס געזאַנג פון זיך,
אַזאַ, וואָס ווייסט קיין לשון נישט
און פאַלשע שפּיל פון פאַרבן.
זינג! נישט קיין גאָט פון הימל
האָט באַשאַפן דיך
און וועט דיך נישט פאַרדאַרבן.

זונען שווערע אויף דיין קאָפּ,
לבנות — אויף די פּלייצעס,
און דו, אַ געדולדיקע, זיי שלעפּסט
דורך אייביקע מעת לעתן.
ערד!
נישטאָ דער כוח,
וואָס אונטעריאָכן דיך זאָל,
איינשפּאַנען אין לייצעס
און טרייבן דיך מיט בייטשן ווי אַ פערד.

איך מעסט נישט דיינע לענגען, ברייטן,
ימים, טייכן,
אָ, ערד, מיין היים,
אין אייביקן געיעג, ראָד־אום ראָד־איין.
אמת טאַקע: העכער פון זיך
וועסטו קיינמאָל נישט גרייכן,
נאָר לייכטן וועסטו לייכטן.
זאָל זיין ווי אַ שטערן אַ קליינער
פאַר זיך
און אַרום זיך
אַליין.

מילדער, גוטער ווינט

מילדער ווינט,
גוטער ווינט,
זינג אַ סערענאַדע
פֿאַר מיין גאָרטנדיקער רויז
אַרויסגעחלומט פון אַ שטערן־שעה
אין די אָרעמס
פון אויפגעגאַנגענעם באַגין —
דעם שוואַלב איבערן ראָסע־פעלד,
דעם פּיאָלעט פון פלאַטערל אין גראָז,
פלי זיי, פלי אַנטקעגן.

דערפאַר וועל איך דיר מוחל זיין
דעם דאַך
אַראָפּגעטראָגן פון מיין הויז,
די פייגל־נעסטן די צעשטערטע,
די שטרויכל־ביימער אָנגעוואַלגערט
אויף אַלע מיינע וועגן.

מילדער ווינט,
גוטער ווינט,
אַמאָל פון דיין שטורעם ווין איך אַרויס,
און ווען ביים ברעג פון טייך
מיט אַ זעמדעלע דו שפּילסט זיך ווי אַ קינד,
מיט אַלע קללות וואָלט איך דיך פאַרשאָלטן,
ווייל וויפל מאָל
דיין שטורעם האָט מיר פליגל געשענקט
און דיין שטילקייט
מיט בליץ און דונער
מיין קאָפּ געשפּאָלטן.

זינג, אַ סערענאַדע זינג,
מילדער, גוטער ווינט,
פֿאַר מיין שלאָפנדיקער גאָרטן־רויז.
זינג!

אָדע צו די וועלדער

וועלדער!
ביז מיין לעצטער רגע
פון אייך וועל איך זינגען
און אויפכאַפּן דעם געציטער
פון אייערע בלעטער
אין חלום אַפילו.
מיט אייער ווינטיקן אָטעם
אָטעמען מיינע לונגען
און עס שפּילט אין מיין בליק
דער רייץ
פון צעפלאַמטע באַגינענס
און אָוונטן שטילע.

וועלדער!
אין אייך
נישט פאַרבלאָנדזשען איך וועל,
קיינמאָל נישט ווערן פאַרלוירן.
יעדעם וועגל און וועג
דורך מאָכיקן טונקל
פון אייערע טיפן לויפט מיר אנטקעגן,
ווייל עס האָט מיך דער שאָטן פון וואַלד
אין אַ שטערנדיקער שעה געבוירן.

מיין אָנהייב-געזאַנג
דערהערט אינעם רויש פונעם ווינט,
אין זשום פון דער בין,
אין פויגלס געוויג אין די צווייגן.

וועלדער!
איבער שיפּועים פון די אנדישע בערג,
אויף מערב און מזרח,
אויף צפון און דרום,
ביי מיין היימישן פּריפּיעט,
ביים סטאכאד און סטיר,

פון נאָענטן און ווייטן
איר רעדט מיט מיין לשון
און רופט זיך פון אומעטום איבער
אין ליד וואָס אין מיר.

ערב זונען

ערב זונען,
יונגע מאָרגנס
הימל וויגט אין הענגל־וויגן,
נאָר מיין ליד,
מיין מענטשן־ניגון
ווילד געזאַנג
האָט איינגעשוויגן.

ערב זונען,
יונגע מאָרגנס,
פון דער הויט
עס קריכן גראָזן.
האָט דער וואַלד
מיין מענטשן־ליד,
ווי שטויב, דער ווינט
אַוועקגעטראָגן.
פאַרוואָס?

בלי־צייט

1

אין דער צייט פון בלי —
נישט בלויז דאָס פעלד,
דער וואַלד איז גרין
און איבער אים — די לופט,
די זון,
די שטערן.
מיט גרינעם ניגון
פעדערט זיך פרי דער באַגין.
דאָס קילע גראָז איז
באַגלאַנצט מיט גרינע טרערן.

אין דער צייט פון בלי
גרינען נעמט דאָס ליד.
אַפילו אין זומפיקן טונקל,
אין מאָכיקן שימל,
אין פאַרשאָטנטן טאָל —
פון יעדן פאַרוואָרפענעם ווינקל
אַ גרויסע שירה צום הימל
גרינט אויפן הויכן קול.

מיין היים איז דעמלט דער וואַלד.
דער וואַלד איז אין מיר,
מיט זיינע באַפליגלטע זינגער.
דער דעמב,
וואָס פון אַלטקייט
פאַלט
פון יעדנס ווינטס באַריר —
אין מיינע אויגן נעמט ווערן יינגער.

אין דער צייט פון בלי
יעדער צווייג אויפן בוים
איבער מיין קאָפּ אַ קרוין איז.

ווען עס זינגט די נאַטור,
אָן ווערטער איך הער
דאָס לשון פון אַלע לשונות.

2

עת הזמיר —
צייט פון ליד.
צווייגל אין צווייג,
רוישנדיק ווייך
אויף טענער אַלערליי
אַ פאַרביקע שפּיל.
די בלויאיקע הויך
עס שאַלט מיט זינגעריי,
נאָר אַ פויגל אַזאַ,
וואָס „קוקו" בלויז איז זיין געזאַנג,
שפּרינגט פון בוים צו בוים,
רופט זיך איבער
מיט זיין אייגענעם ווידערקלאַנג.
אַ פרעמדע מאַמע
זיין אייעלע
אין איר נעסט האָט אויסגעבריט
און נישט ער פילט,
נישט ער ווייסט,
אַז דאָס שענסטע ליד
ווײנט אַרויס
פון אַ פרעמדער נעסט.

נעם צונויף

נעם צונויף די גערעטעניש פון דיין אָפּגעזומערטקייט.
דער בוים אין פעלד וויאַנעט.
פון דער ברויטזאַנג האָט דער ווינט די לעצטע קערנער אַרויסגעשלאָגן —
פריעט זי אין פוילעניש מיט ליידיקייט אַרומגעהילט.
די זון מיט איר שאָטנזייט די ערד באַדעקט.
די תקופה פון אָפּגעבליטקייט נייגט זיך צום פאַרגאַנג
און עס וואונדיקן די טריט פון געוועזענע אַקער־טעג
אויף דערנער־וועגן.

נעם צונויף די גערעטעניש פון דיין אָפּגעזומערטקייט.
די שפּין האָט אַ שפּעטע שעה אין גסיסה־זילבער אַריינגעשפּונען.
זאָלן וואַנדער־פייגל די איבערבלייבעניש אין פעלד דערפּיקן,
זאָל אין דער טאָרבע פון אָרעמען אויפגיין די זעט,
דער הונגער, דער זיכניעריקער, איז נאָך אַלץ אין טענהן
און קאָן נישט דעם בעטלערישן ביסן צו זיין אייגן מויל דערלאַנגען.

נעם צונויף די גערעטעניש פון דיין אָפּגעזומערטקייט —
דאָס פאַרדאַרטע שטענגל פון דער רויז.
דער שטראָם פון טייך טראָגט אַוועק אין טאָל פון פאַרגיין.
דער גאָרטן מיט ליידיקייט רוישט.
דער שייטער, נעבן שומר־ביידל אין סאָד, האָט אויסגעברענט.

נעם צונויף די גערעטעניש פון דיין אָפּגעזומערטקייט
און ווען אָנגעפילט מיט זעט דיין שפּייכלער זיין וועט,
וועט דיין נישט געזעטיקט אויג באַפאַלן ערשט דיין האַנט
זי זאָל זיך אויסשטרעקן
ביי זיך אַליין אַ שטיקל ברויט צו בעטן.

דער ברוין־בלויער ווינט

די ברוין־בלויע פרירנדיקע פינגער
פון קריעה־בליעהדיקן ווינט
מאַכן זילבערן אויף רינצל־סטרונעס
פון אויפגעשווידערטן גרינעם וואַסער
קרום־קיילעכדיקע ציטערגאַמען,
וואָס זינגען פון גאָרנישט
און פון אַלץ צוזאַמען.

דער קרועה־בלויהדיקער ווינט
אויף אַ טיפן באַס טוט אַ רעווע
אָדער פאַרגייט זיך אין פּאַלצעט,
קוים צו דערכאַפּן, אַזוי שטיל —

אַ ווינט געזאַנג אַזאַ —
אַלע טויבקייטן דערהערן קאָנען,
און אוודאי דעמלט,
ווען ער טוט זיך
מיטן שטראָם פון טייך אַ שפּיל.

אַנטלויפט דער שטראָם,
פאַרשמאָליקט זיך אין ווייט אריין —
ווי אויף שפּליטערס־בליצן
וואָלט ער זיך אַוועקגעטראָגן.

דער גאַנצער טייך
און זיינע ברעגעס יאָגן זיך נאָך אים
און קאָנען נישט דעריאָגן.

אויף איין זייט ברעג איז זריחה,
אויפן צווייטן — שקיעה.
דער שר איבער טאָג און נאַכט
הענגט אויף אַ הויכער פייערדיקער תליה.

דראָענדיקע וואָלקנס קנוילן זיך,
ווי טונקעלע גייזערס צעזאָטן,
שורות מיט פייגל ציען פאַרביי
ווי שוואַרצע פליענדיקע נאָטן.

דורכן וואַלד

דער וואַלד צעטיילט,
אַ שמאָלער וועג,
גיי איך אויף דעם וועג,
ווייל איך גיי.

דעמבעם באַיאָרטע,
בערעזעס צוזאַמענגעפּאָרטע —
זינגען אַ געזאַנג
פון זון־פאַרגאַנג,
פון צייט־פאַרגאַנג.

אָוונט קומט. דער וואַלד פאַרטראַכט.
אין זיין שויבער
שקיעה־פעדעם דערברענען.
באַהיט מיך, וואַלד,
פון מיין מיטמענטש מיך באַשיץ,
ער זאָל מיך אין זיך נישט דערקענען.

די ערד

די ערד גייט אַרום אויף מענטשישע פיס —
אַט וואָס פאַר אַ נייעס!
און רעדט מיט דעם לשון פון פייגל אין וואַלד,
פון צמחים, בהימות און חיות.

די ערד קוקט אַמאָל פונעם הימל אַראָפּ —
אַ נחת צו זען זי פון ווייטן.
די ערד, זי האָט אויך אַ מענטשישן קאָפּ
און אַ בליק — אַ פאַרשייטן.

די ערד, ווי אַ מענטש, איז אי אומגליק, אי גליק,
זי באַשאַפט און צעברעכט אירע געטער,
פאַרתענוגט דעם היינט אין איין אויגנבליק,
פאַרגעסט אין איר שיכרות דעם שפּעטער.

די ערד, ווי אַ מענטש, קריכט פון אייגענער הויט —
אַן אַנדערע ווילט זיך איר ווערן.
נישט איינמאָל זי האָט שוין איר מראה געטוישט,
געחלומט צו ווערן אַ שטערן.

די ערד, ווי אַ מענטש — מיט געפיל און געדאַנק,
און בייט אַלעמאָל די געשטאַלטן.
זי בייט זיי און בייט זיי און בייט אַזוי לאַנג,
ביז וואַנען זי בלייבט ביי דעם אַלטן.

דאָס גרעזל

די מאָלערין האָט דיך
מיט שטראַליקן שטריך
אויפֿן לייוונט
ווי אַ חן־פּינטל געשטעלט.
דיין זאַפטיקער גרין
זומערט אַריין
אין אַרומיקן פעלד.

אַ בוים נעבן דיר,
אַן אַלטער צעטרוכנעטער בוים
בייגט זיך מיטן ווינט.
אין שפּיגל פון הימלישן בלאָ
בייט ער זיינע פאַרבן
אויף ברוין און אויף שוואַרץ.

אויף דיר פאַלט דאָס אויג פון יונגן באַגין,
אין דיין יעדן באַוועג
אָטעמט פון אייביקן פרילינג
דאָס האַרץ.
ווען אָונט גענענט
פון דיין שכן דעם בוים,
קריכט דער שאָטן אויף אַלע פיר.
און דו,
אַ גרעזעלע אַ שוואַכס,
מען זעט דיך קוים —
בלייבסט ביי דיין קאָליר.

אין פעלד

די לופט אין פעלד איז אָנגעהיצט
און אָטעמט מיט רומיאַנעק,
מיט האָניק איבער ווייסער גריקע.
אַ טייכל שפּיגלט,
ווי דער אָפּגלאַנץ פון אַ בלויען בליץ
און בינען שפּרינגען איבער גראָז
ווי פונקען פליענדיקע.

ביי דעם שיידוועג
אַ סאָסנע האָט זיך אָפּגעשטעלט
ווי אַ פראַגע־צייכן. זיך פאַרטראַכט
אין וועלכער זייט זיך צו פאַרנעמען.
די האַלבטאָג־זון
מיט אַ שטראַלן־קאַם אין האַנט,
ווי זי וואָלט
דעם שויבער פון דעם וואַלד פאַרקעמען.

מידע שטילקייט
הייליקט אין פאַרהוילעניש אַ פאַרבן־ליד
פון טונקעלן געצווייג,
זי פעדעמט זיך אַרויס
ווי דינע טענער פון אַ לירע.
אין קאָרן איינגעבויגן
אַ פּויערטע מיט אַ גליענדיקן סערפּ
דערשרייבט
איר לעצטע שורה.

פאַרנאַכט אין פעלד

ווער האָט די שטילקייט אין פעלד אָנגעצונדן?
איר אָטעם
הערשט איבער לײדיק־געוואָרענע וועגן.
אָונטס גענענט.
מיט טונקל די אויגן פאַרבונדן
קומט ער אויף פליגל
פון שעת־הכושרדיקער רגע.

פון טיפער בלויקייט
איבער לײדיקייט אויסגעשפּרייט
זיפט זיך אַדורך
אַ ציטעריקער שטערן.
דאָס אויג פון מיין וויזיע איז וואַך,
נאָר טויב איז דאָס אויער
פון גאָרנישט הערן.

שעה פון רחמים —
צו וועלטן נישט געאַנטע
מיין רעיון פאַרטראָגט.
שטילקייט אַרום
אין אָרעמס פון נאַכט איינגעשלאָפן.

ווער רוישט עס הינטער מיר
מיט בראַזגעניש און קלימפּערייַ?
דאָס יאָגט מיר נאָך מיין טאָג —
איך בין פון אים אַנטלאָפן.

כ׳האָב די זון געפֿאַנגען

די זון איז היינט נישט פֿאַרגאַנגען.
אָט וואָס מיט איר האָט געטראָפֿן:
אין מיינע אויגן איך האָב זי געפֿאַנגען,
אַז ליכטיק זאָל מיר זיין צו שלאָפֿן.

איז טאַקע ליכטיק מיר.
מיין שלאָף מיט אַלע פֿאַרבן ברענט,
ווי די אור־ליכט אַליין
מיין אַרום וואָלט באַפֿלויגן.
איך דערקען נישט די וועלט אַרום מיר,
נישט די אייגענע ווענט,
ווי געקוקט איך וואָלט דורך פֿרעמדע אויגן.

אַ זוניקער חלום און מענטשלעכע צורות
פֿון מיטן סטעליע שיינט,
קיין ניצוץ פֿון שאָטן,
קיין זכר פֿון שטערן.
צוזאַמען מיט דער זון
מיין בליק האָט געפֿאַנגען דעם היינט,
וואָס וועט קיינמאָל קיין מאָרגן נישט ווערן.

האַרבסט

שוידער־ווינט אין קאַראַהאָד,
שפּינוועבס זילבערט אויף זיין קאָפּ,
ווי פוילע עפּל אינעם סאָד
נידערן קראַנקע טעג אַראָפּ.

איבער וועלדער — אַ פאַרביקע פּאַליטרע,
עס שטאַרבט אויף איר אַ מאָלער־האַנט.
אויף רעגן־שנירלעך,
ווי אויף סטרונעס פון אַ ציטרע,
פון וועלקעניש די געטין
שפּילט אַן אָפּגאַנג־ליד
ביים אָוונט־ראַנד.

אַ ווערבע
בערדיקט זיך אין טייך אַריין —
אין אָפּגעגרינטן גרין
אַריינגעשוויגן.
שקיעה־שעה,
איבער גרוי פון שטיין,
ציט אַ רויטן ניגון.
בערעזעסליידיקע,
געהילט אין נאַקעטע מחשבות!
וויפל מאָל געקומען
איז מיין ליד צו אייך
אויף קבר אבות.

שטילע אָסיען־נאַכט.
עס גליווערן די שטערן.
איך לייג דאָס אויער צו
צום ווייסן שטאַם
און הער —
עס אָטעמט דאָס הילצערנע האַרץ פון וועלט
און זויינט
מיט נעפּרוירענע טרערן.

שנײ

פֿעלדער ברײט פֿאַרצװײגענע מיט װײס,
די װעלט — אַ שליטן —
יאָגט זיך איבער טײכן אױפֿן אײז,
אין אַ קינדער־װעלטעלע פֿאַרביטן.

יאָג־זיך, יאָג זיך, שליטן־װעלט,
אונטער דיר דאָס אײז װעט זיך נישט שפּאַלטן,
דײַן װעג — ער איז פֿון קײנעם נישט פֿאַרשטעלט,
עס װעט דער שנײ קײן פֿלעק נישט אױסבאַהאַלטן.

אַ קלאָרקײט אין מײַן פֿענצטער קוקט אַרײַן,
אַזאַ, װאָס נישט מיט װערטער צו באַזינגען —
עס זינגט דער שנײ אַ ליד פֿון זיך אַלײן
אין װירבל־ראָד פֿון שטײַגנדיקע רינגען.

קראַ! און קראַ! אַ פֿליגל־פּאָך אין לופֿט.
פֿאַרשװוּנדן פֿון הימל, טונקעלע קבֿרנים! —
מײַן יום־טובֿדיקע מאַמע־ערד,
אַ געזונט דיר אין דײַן װײַסן פּנים!

ביים ים

ביי דיין ברעג איך שטיי
און דו
פון אַלע זייטן שפּאַרסט אויף מיר
אין בליציק־גרינעם געשליידער,
מיט נאַקעט צעצאָרנט געשריי,
ווי פון טויזנטער דעמאָנען.
איז ווייזט זיך מיר אויס,
אַז אָט־אָט —
און דו וועסט מיינע טריט
אין תהום אַריין מיט זיך פאַרנעמען.

אויף האָרבן פון שוימיקע כוואַליעס
שלאָגסטו צום הימל —
די זון
אין דיין אָפּגרונט צו פאַרשלעפּן.
ביי דיין ווייסן ברעג,
וואָס בין איך? — אַ זעמדעלע בלויז.
מיין געהער
פון דיין רעש איז באַטויבט.
דאָך בין איך שטאַרקער פון דיר,
ס'איז בכח מיין אויג
ביז אַ טראָפּן
דאָס וואַסער פון דיר אויסצושעפּן.
ווען אויף דיין ראַנד
עס פייערט דער טאָג
צו דיין טונקל צוקאָפּנס אַראָפּ
און ליגן בראשיתדיק בלייבט
דער הימל אין דיר,
אין שוואַרץ איינגעפרוירן,
נעמט שוועבן אין לופט
די יונגפרוי־לעגענדע,
וואָס דיין שוים האָט געבוירן.
זי שוועבט
ווי אַ זיידענער טרוים

מיט אלבאסטערנע גלידער
און ליפּן,
ווי רויזן, וואָס בליען.

איך בייג זיך אַראָפּ צו דיר, ים,
נעם קושן דיין זוים,
וואָס שלאָפט אַזוי מילד אין די אָרעמס פון נאַכט
און גרייכט מיר אַפילו נישט צו די קני.

שאָטנשפּיל

שוואלבן טונקלען אין בלויער לופט,
מזרחדיקער הימל — געלאָשן,
וואלד אין שקיעה אַריינגעשטופּט
שווייגט אויף סאָסנעדיקן לשון.

די שעה פון פאַרגאַנג, ווי אַ האַק אָנגעגליט,
אָט וועט זי דעם הימל שפּאַלטן.
אַ פויגל פון פייער צו זיין נעסט דערפליט,
שטילקייט האָט דעם אָטעם פאַרהאַלטן.

טונקל־רויט, ווי פאַרגליווערט בלוט,
נעמט שוואַרץ און שוואַרצער ווערן.
מיין שאָטן אַנטלויפט מיר פון הינטער די טריט
אַנטקעגן אַן ערשטן שטערן...

שאָטן־שפּיל וואלד־איין, וואלד־אויס,
שאָטנס באַהאָפטן צוזאַמען,
ווי נישט וואַקסן זיי וואָלטן פון בוים אַרויס,
נאָר דער בוים פון זיי וואָלט שטאַמען.

מלכות פּאָסיידאָן

ווילדער צעשטורעמטער צויבער
שליידערט גרין־אויגיקן צאָרן.
עס שוואַרצן זיך בערג פונעם אָפּגרונט
און פאַלן אויף שפּליטערס פונאַנדער.
און ווידער פון ערגעץ זיי טראָגן זיך אָן
אין ראַנדיק צעזאָטענעם נעפּל,
צעוואָרפן דעם פלאַמיק־צעפלאַקערטן שויבער
פון פּאָסיידאָן — דעם שר פון די ימים.
אין בליץ אָנגעטאָן
ער טרייבט פון די ווייטן און ברייטן
שווערגופיקע חיה־געשפּענסטער,
צערישטעטע בערישע קעפּ,
צעוואָיעטע וועלפישע סטייעס.
איינער אַריבער דעם צווייטן זיי שלאָגן
און שלאָגנדיק ווערן דערטרונקען אין וועג —
זיי איילן,
זיי ווילן
די גרענעץ פון ערד און פון וואַסער
אין תהו ובוהו פאַרטראָגן.

עס ברעקלט די לופט אַ געדונער
פון פייער־באַפעלן.
דאָס רעוועט פּאָסיידאָן
אַ קללה אַנטקעגן דעם „יקוו השמים“
געוואָרפן אין פּנים דעם אַלטן באַשעפער
פון מעשה בראשית.

עס שוואַרצט און עס ברויזט פון זיין רעווען
די טיפן.
עס פירן מלחמה
צעיושעטע געטער מיט געטער.

אַ בלינצל פון ליכט טוט אַ שפּיל
אינעם שוימיקן פּיסק פון אַ כוואַליע,
ווי אַ שפּענדל
פון שיפן דערטרונקענע.

אַ געראַנגל
אויף טויט און אויף לעבן
אין דער מלכות
פון קראַפט און פון כאַאָס
פון גאָט פּאָסיידאָן.

זון־פאַרגאַנג

אָונטפייער אויפן שטראָם פון מיין בליק,
ביימער רעגנענען מיט בלעטער —
אַזוי איז געווען מיט צייטן צוריק
און זיין אַזוי וועט שפּעטער.

כ׳הייב אויף די אויגן צום מערב־ראַנד —
טאַבונעס פערד מיט גליענדיקע גריוועס.
עס טראָגן זיך אַרום אין שקיעה־לאַנד,
ווי בלעטער אין ווינט, מיינע מחשבות.

וויפל פרילינגס אויף האַרבסטן פאַרביטן?
לידער נאָך זיי געצונדן ווי ליכטער.
ווער ווייסט, וויפל קברים עס וועט נאָך פאַרשיטן
דער באַגרעבער אין מיר דעם דיכטער.

ווייטע ווידערקלאנגען

* * *

שענק מיר, זיידע, דיין האַק פון שטיין —
אין מוזיי האָב איך זי אַמאָל געזען.
ווען שיידן איך וועל זיך מיט זיך אַליין
זאָל מען וויסן — איך בין דיין איייניקל געווען.

אַזויפיל יאָרטויזנטער זענען אַוועק,
אָפּגעטאָן פון מיר האָט זיך דיין שאָטן.
נישט, ווי דו, מיט אַ שטיין איך גיי אויף געיעג,
נישט אין דיר — אין זיך אַליין בין איך געראָטן.

שיק מיר, אורזיידע, פון בראָנז אַ מכשיר,
באַוווּנדערן איך זאָל פון דיין זיין אַ סימן.
געוויס, דו וועסט מער נישט קומען צו מיר,
נאָר איך אין דיין הייל וועל אוודאי נאָך קומען.

שענק מיר, שענק פון אייזן דיין פייל —
נישט זוכן איך וועל פון דער חיה די שפּורן,
ביי מיר וועט זי טויטן אויף טויזנטער מייל —
אָט וויפל קליגער פון דיר כ'בין געוואָרן.

מיין מאַמע שרה

(איר ליכטיקן אָנדענק)

אמי מורתי —
ווו ביסטו, מאַמע?
ווער האָט פאַרלאָשן דיין צורה?
אויסגעברענט האָבן
קרעמאַטאָריע־פלאַמען,
נאָר דיין אש
קאָן נישט קומען צו קבורה.

איך בענק נאָך דיר, מאַמע,
ווי אַמאָל,
ווען איך האָב נאָך אַפילו
מיין קליינינקע וועלט
נישט פאַרשטאַנען,
נאָר אין „גאָט פון אברהמס"
אין בין־השמשותן שטילע
געפילט, אַז מיט דיר
די שכינה אין הויז איז פאַראַנען.

לייכט אין דער שטילקייט
אויף שפּיצן פינגער אומגעגאַנגען,
אין דיר זיך געשפּיגלט.
שבת־קודשדיקע שקיעה
איז שטיל אויסגעגאַנגען,
דו האָסט זי מיט ניגון באַגלייט,
אָ, מאַמע מיינע, מלאך אָן פליגל!

אָ, מאַמע.
אין וואָרקען פון טויבן,
אין שעפּטשען פון בלאַט אויפן בוים,
אין טויאיקן ציטער פון גראָז —
דיין קול לאָז מיך הערן.

ווי מיט צייטן צוריק מיר אַ מעשה דערציילט.
דיר וועל איך גלייבן,
אַז „דער הימל איז געמאַכט
פון בלויען גלאָז
און גאָט קוקט אַרויס
דורך די פענצטער פון שטערנס“.

דערצייל מיר, דערצייל.
די רייד פון דיין מויל, די מעשהלעך דיינע
זאָלן ווי פעדעם פון זילבער זיך וועבן,
אין זיי, ווי אין מיר, וועסטו לעבן,
אמי מורתי,
ליכטיקע מאַמע מיינע.

קעגן לויטערן שכל

פאַראַן אַ פּלעמל,
וואָס ווייזט צוקאָפּנס פון אַ טויטן,
און אַזאַ,
וואָס שליידערט פון אַ וואַנט אַ שאָטן אַראָפּ,
אַ פונק ווי אַ שטערנדל
אין אַן אָוונטיק טייכל.
נאָר דאָס פלעמל,
וואָס אין מיר ברענט —
צו וואָס זאָל איך עס גלייכן?
אַ שומר פון בלינדן געפיל
קעגן לויטערן שכל.

ווייטע ווידערקלאַנגען

אַרויסגעבלייכטע
פון אַן אויסגעלאָשענעם ווייטן באַגינען,
זיי שפּאַרן אויף מיר
דורך מיט צייט פאַרוואַקסענע וועגן,
קומען מיין היינטיקייט אַנטקעגן
און קאָנען נישט געפינען
פון מיין הויז די טיר.

זיי גייען און גייען —
אַ גאַנצער וואַלד,
מיט געוויין און געזאַנג,
שאָטן איבער שאָטן פאַלט
ווי ביי זון־אונטערגאַנג.
אַ לעבן לאַנג
צו זיך אַליין בין איך פרעמד.

די אַמאָליקע בערעזע איך וועל דערקענען
אין ווייסן פּויערישן העמד.
איר וועלקן אין האַרבסטיקע טעג
טיף אין מיין געדעכעניש ברענט
מיט פלעמלעך פון יום־כּיפּור־ליכט,
וואָס אין שטוב ביי אונדז
אין קעסטלעך מיט זאַמד פלעגן ברענען.

אָט איז דער קליאָן,
מיט זיינע בלעטער ווי שטערן,
איך קוק אים אַ פאַרבענקטער אָן
ווי איך וואָלט אצינד, ווי אַמאָל,
מיין קול אין זיין רוישן דערהערן.

יונג איז די סאָסנע ווי געוועזן,
נאָך מער ווי פריער
זי ברוינט אין הימל־בלוי
און לענגער איר שאָטן אויף דער ער[illegible]

עס גייען טאָפּאָליעס,
געטובלטע אין טוי,
מיט למדניש־געצוואָגענע בערד.
דער צעוואָקסענער דעמב
אין אַ תפילה בלחש פאַרטאָן,
ווי דער „געמיראָווער" פון דער סליחות־נאַכט
אין אַ סערמיעגגע אָנגעטאָן.

יעדער פון אייך גייט מיך אָן.
געוואָקסן צוגלייך,
ווי אייערס אַ קוסט,
אויפגעגאַן מיט קאָרן אין פעלד,
מיט דער ווערבע ביים טייך.
אָ, שטייט נישט הינטער דער טיר,
די שוועל פון מיין הויז באַטרעט,
אויף אייער לשון מיט אייך וועל איך ריידן,
ווי דעמלט איך האָב גערעדט.

וויפל מאָל איך בין אַנטלאָפן פון זיך אַליין, —
אין אייער שאָטן געזעסן.
שטייט נישט הינטער דער טיר,
קומט אין מיין הויז אַריין,
דערמאָנט מיך אין דעם,
וואָס לאַנג איך האָב שוין פאַרגעסן.

וווהין איך זאָל נישט זיין אַוועק —
אין מיר זענט איר פאַרבליבן
ביז מיינע לעצטע טעג.
צו אייך געהערט
דער אָנהייב און סוף פון מיין ליד,
אָן ווערטער אָנגעשריבן.

באַרינגלט מיין הויז ווי אַמאָל,
נישט אויפהערן מיין אויג זאָל אייך זען,
צעוואָקסענע נאָך מער,

פרישער און גרינער,
אַז ווידער איר זאָלט
אַ הויך טאָן אויף מיר
מיט היימישע ריחות
און פּשוטער ברייטפּלייציקייט וואָלינער.

קומען וועט אַ טאָג

ס׳וועט קומען אַמאָל אַ טאָג —
צו אַלע טעג וועט ער ענלעך זיין:
שטאַרבן אין אים וועט אַ מענטש,
געבוירן ווערן אַ צווייטער
און די צייט וועט זיך גיין
אַלץ ווייטער און ווייטער.

אָט, ווי היינט,
דער פויגל וועט שוועבן אין לופט,
דער מענטש אַרומגיין אויף דער ערד,
ריידן וועגן ליכט
און טראַכטן פאַרקערט.

איז וואָס־זשע בין איך דאָ מחדש,
וואָס לאָזן דיך די ווערטער הערן?
קיין ענטפער, מיין פריינד,
איז נישטאָ —
בעסער וועגן דעם נישט צו קלערן.

שבת-מלכהדיקע יידן

אַראָפּגעטרייסלט פון די יוכטענע שטיוול
דעם שטויב פון שליאַכן און יאַרידן,
גייען זיך בנעימות, אויסגעטשוכעטע פון דרימל,
שבת-מלכהדיקע יידן.

פּאַמעלעך, די האָר און די בערד צעצוואָגן,
ווי דינע בעזימדיקע ריטלעך,
גייען זיי באַזונדער און אַלע אינאיינעם
מיט שכר-הליכהדיקע טריטלעך.

באַלעבאַטיש די הענט פאַרלייגט אויף הינטן,
באָמקען זיי זיך אונטער אַ ניגון —
הויכע טאָפּאָליעס אין זייערע צווייגן
פייגל צום שלאָף פאַרוויגן.

טריטלען זיי אַזוי די יידן און טריטלען,
גאָרנישט צו רעדן, נישט צו פרעגן,
אין די געסלעך פון קרום-קיילעכדיקן שטעטל
אויף תחום-שבתדיקע וועגן.

דער רויטער שניטקרעמער נפתלי
און אהרן-שיע דער שערער,
שלמה-בער דער בעל-עגלה
און בענדיק דער קוימענקערער.

פאַרבייט זיך דער וועג אויף אַ טוך אַ געבלומטע,
און שטראַלן אויף שערלעך — האָר צו שערן,
ווערט יעדער בוים אין פעלד אַ בעזעם
קוימענס אויסצוקערן.

גייט זיך פאַרביי רב יאָנטל דער רופא,
נעמט זיך דער פריפּיעט מיט באַנקעס באַדעקן.
הינטער דער צוים פון בית-החיים
צו תחית-המתים דער טויט נעמט זיך וועקן...

פאַרבייטן זיך סטעזשקעס אויף ווייסע באַנדאַזשן,
פיבערט דאָס געל־רויטע פּנים פון שטעטל,
פיבערט די זון, און אַראָפּ פון הימל
געטראָגן ווערט אויף אַ קראַנקן־בעטל.

שאָטנט זיך פאַרביי, ווי אַ חלום פון אַ מידן,
דער חתונה־פידלער רב יעקב־עליע,
צעקוואָקן זיך זומפּן אין שליים אָפּגעלעגן,
ווי שפּילן עס וואָלט דאָרט זיין גאַנצע קאַפּעליע...

„כל ישראל יש להם חלק" —
ניגונט זיך פון ערגעצוווּ זשומען פון פליגל,
איבער ווייטע וועלדער צעברענען זיך בערן
אין בלויע הענגענדיקע וויגן.

פלאַצט די זון, און דורך פייער־שפּאַקולן
שויבן באַגלייטן צום אָפּהאַנג די שקיעה.
אַ ברייטער דעמב זיינע צווייגן באַוויקלט
מיט זשאַווערדיק־רויטער רצועה.

און גרוי ווערט די וועלט, נאָך גרויער די וואָכן,
שטויב פון שליאַכן, דערפער און יארידן
ליינט זיך ווידער אויף די בידנע פלייצעס
פון שבת־מלכהדיקע יידן.

אומרו און רו

דער ממונה איבער מידקייט
האָט אומרו
אין מיין שלאָף אריינגעטריפט
צוזאַמען מיט דערדריקנדיקער רו,
וואָס דער לאַנגווייל
פירט אַראָפּ פון זינען.

געדייען זיי ביידע אין מיר
און אַפילו
די בשורה פון ליכט,
ווען זי קלאַפּט אין מיין טיר
קאָן מיין וואך זיין
אין ערגעץ געפינען.

ווען איך טרעט שוין אַריבער פון ביידע די צוים,
פיל איך:
אַ שלייף
פאַרציט מיין האַלדז
אויף אַ בלויער תליה.

דער אומרו,
אויף שיפלעך מיט אַש
איבער געשטורעמטן טייך פון דערוואַרטונג,
זעגלט צו ברעגן
דורך נעכטיקע טעג,
געלאָדן מיט שפּליטערס-מינוטן
ווי שוואַרצע פּגימות.

די רגע פון רו
און די רגע פון אומרו
געאָרעמט אין וואָגל
שרייען אין מיר:
שטיל זאָל זיין, שטיל,
אין מיר
און אַרום מיר.

ווייל געבוירן האָט דיך די ערד

דיין געוועזענער מלוכות־טראָן
ליגט אין טאָל פון פאַרגאַנג אַ צעשמעטערטער.
וועסטו אים נאָכאַמאָל באַזעצן
און דערגרייכן אהין
ווו געשטאַנען זענען פעסטונג־מויערן,
וואָס האָבן דיך אונטער זיך באַגראָבן.

נישט דיך און נישט דעם טאָל מיט טויטן געביין
וועט דער רוח־החיים
פון נביא יחזקאלס ווינטן פיר
מחיה מתים זיין,
נאָר דאָס וואָרט, וואָס נאָך בריאת־עולם
האָט אויסגעשאַלט
און וויברירט מיט ווידערקלאַנג
אינעם קרייז פון אייביקן לעבן
און מוז דורך אַלע טויטן ווידער ווערן דערהערט.

און כאָטש צעשמעטערט אין טאָל פון פאַרגאַנג
ליגט דיין מלכות־טראָן,
גרייכן וועסטו ווידעראַמאָל די הויכקייטן פון הימל
בלויז דערפאַר,
ווייל געבוירן האָט דיך די ערד.

דער עץ־החיים

דער עץ־החיים שטייט אין מיטן וועלט,
עס קאָן אים די צייט נישט פאַרדאַרבן,
און דער, וואָס האָט זיך אין זיין שאָטן געשטעלט,
נישט דערלעבן וועט צו שטאַרבן...

אַמאָל האָט אַ חיה געקלעטערט אויף אים,
אַ שלאַנג — זיין שטאַם אַרומגעוויקלט,
אַ פויגל באַקרייזט האָט זיין פּרעכטיקע קרוין,
אַ לויב דעם באַשעפער געציקלט.

יאָרטויזנטער קומען און גייען אַוועק,
עס האָט זיך זיין מראה געביטן,
זיין שטאַם האָט באַגליוועט אַ בלוטיקער פלעק,
אַ וווּנד אין זיין קאָפּ איינגעשניטן.

וואַנדערט אַ וואָגלער פאַרביי און קניט ביי זיין שטאַם,
צינדט אָן אַ ליכט אין די צווייגן,
פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים, ווי פון אַ פלאַם
און פאַרטיפט זיך אין פּאָרכטיקן שווייגן.

וואַקסט פון דעם בוים אַרויס אַ פאַרבלוטיקט האַרץ,
הענט און פיס צוגעשלאָגן מיט נעגל,
ציט פאַרביי אַ שטראָם, דער שטראָם איז שוואַרץ —
פון שוואַרצע עולי־רגל.

דער עץ־החיים וואַרפט זיינע בלעטער אַראָפּ
פאַרדאַרט זיינע צווייגן געוואָרן,
אַ דערנער־קרוין ברענט אויף זיין קאָפּ —
אַן אָפּשיין פון דעם ברענענדיקן דאָרן.

איך בין עס נישט

נישט דערווייל מיך פאַר דיין שליח־ציבור —
איך בין עס נישט.
אַזוי ווי דו, איך שטיי אינמיטן וועלט,
אויף ערגעץ אַן אומוועג,
צווישן שקר און אמת.
אַליידיק בלעטל אין אַלטן ספר פון טעג
האָב איך אויפגעמישט —
איך ווייס נישט,
צי אויף גליק אָדער אומגליק אַ רמז,
ווייל די בלענדעניש פון אַלצווייסעריי
מיינע אויגן פאַרשטעלט.

נישט דערווייל מיך פאַר דיין ווייטזעער —
איך בין עס נישט.
נישט פון הימלישע תהומען שטאַם איך,
נאָר פון אַן ערדיש מענטשן־וויגל.
אַ מאַמע האָט מיין קינדעריש הענטל אַמאָל
מיט ליבע געקושט
און נישט געזען,
ווי די פינגער אויף דעם
באַוואַקסן ווערן מיט וועלפישע נעגל.

נישט דערווייל מיך פאַר דיין וועגווייזער —
איך בין עס נישט.
וויפל מאָל ביי שטערן־ליכט,
אויף דער זון — אין מיטן טאָג,
האָב איך זיך אַרומגעזוכט
און אויף דיין פילקעפיקן שאָטן,
אויף דיין פילפנימדיקער שוואַרצקייט אָנגעטראָפן.
אָ, וואָלט בעסער אַ הונט,
אַ פוקס אָדער סתם אַ חיה
אויף דיין אָרט מיר פאַרביינעלאָפן.

באַכוס

דיין געטלעכער ווינקעלער איז געשלאָסן,
קוים וואָס דו האַלטסט זיך אויף די פיס,
דעם קאָפּ אויף אַ זייט,
די אויגן געשלאָסן, פאַרגאָסן —
ווי נאָר־וואָס אַוועק
פון צעזאָרם טיש.

אָ, באַכוס, באַכוס!
נישט קיין גאָט ביסטו מער,
נאָר עפּעס דאָרט אַ געטל בלויז,
אַ פריילעכמאַכער, אַ הולטאַי.
ווי קומסטו אין די גרענעצן פון היינט?
דיין צייט
איז שוין טויזנט מאָל פאַרביי.

און אפשר ביסטו נישט דער,
פאַר וועמען איך נעם דיך אָן —
קאָן זיין
אויף אַ צווייטן דיך פאַרביטן?

איז מעגלעך דען,
אַז אין טראַנטעס גיין זאָל אָנגעטאָן
נישט קיין גאָט אָדער געטל,
נאָר אַפילו אַ פּשוטער געטש
אין אונדזער אַטאָמישער צייט? —
גאָט זאָל היטן!

ווערטער פאַרוואָגלטע

ווערטער פאַרוואָגלטע,
פייגל אָן פליגל,
געהערט אייער קלאַנג,
ווען מיין מאַמע פון זיך,
וויגנדיק מיין וויגל,
האָט אייך אַרויסגעזונגען.

ווערטער צו קרייצן געגאָגלטע,
מיט דערנער־קרוינען שוואַרץ,
פאַר מיינע אויגן
ווי זונען־העזעלעך געשפּרונגען;
נאָך קיין שליטה אויף אייך נישט געהאַט,
נאָר אין האַרץ, ווי אין קנאָספּ,
וואָס דער דרום־ווינט
אויפרינען מאַכט
דאָס ערב־בלאַט —
דער ערשטער זילב האָט שוין געקלונגען.

ווערטער — נשמה־פלעמעלעך,
אויסגעטראַכטע, פאַרלייקנטע,
לעבעדיק־פאַרפיניקטע
אויף מחשבה־פעלדער מיינע,
רייפנדיקע בלומען,
און אַמאָל, ווי ראָיענדיקע פליגן,
איבער טויטע זשומען.

ווערטער פון יעדן מין,
פאַרבן און געשטאַלטן,
איך בין אין אייך
און איר — אין מיר.
דעם כח איר פאַרמאָגט
פון גאָט־געבענטשטע פלוידערער
די קעפּ צו שפּאַלטן.

* *
*

פֿאַל נישט אַראָפּ פֿון די הויכן,
נידער נישט, ליכטיקער שטערן —
נאָכוואָס זאָלסטו דער אָרעמער ערד
מיט דײַן הימלישקייט באַשווערן?
קראַנק איז זי, די אָרעמע „מאַמע",
און קאָן זיך אַליין נישט פֿאַרטראָגן,
ווי עס וואָלט דער, וואָס האָט זי באַשאַפֿן
פֿונעם וועג זי אַראָפּגעשלאָגן.

פֿאַל נישט אַראָפּ פֿון די הויכן,
נידער נישט, ליכטיקער שטערן —
נאָך דיר וועט אין הימל נישט פֿינצטערער
און אויף דער ערד נישט ליכטיקער ווערן.

נישט נידער, נישט פֿאַל פֿון די רוימען,
אַ שטערן אין זיי וועסטו בלייבן,
פֿאַר טרוימער — אַ טעמע צו טרוימען,
פֿאַר דיכטער — אַ ליד צו פֿאַרשרייבן.

אויף דער ערד דער צווייפֿיסיקער משחית
נישט קאָנען ער וועט דיך דערקענען,
ער וועט עס דײַן הימלישן אָפּשײַן
מיט זײַן ערדישן פֿײַער פֿאַרברענען.

נעפּלען בלאָנדזשענדיקע

1

נעפּלען בלאָנדזשענדיקע,
גרויע שאָטנס פון פאַרגעסנקייט
אין פאַרטונקלטן טרוימען־לאַנד
פון מיינע נעכטנס שווימען.
געבליבן זענען זיי —
נאָך אַרויסגערעדטע רייד,
אויסגעטראָטענע טריט
און געדאַנקען אָפּגעטראַכטע —
אַ נישטפאַרגייענדיקער סימן.

2

דורך צייט און רוים,
ווי רויך זיי וויקלען זיך פאַרביי,
אויף אָנגעוואַלגער פון רגע און שעה,
אויף געלאָשענע טעג און נעכט,
געגליכן צו ביימער אין וואַלד,
גרייכנדיקע צום הימל אַרויף.
און וואָס מער זיי גרייכן —
אַלץ טיפער אין זיך
זיי פוילן אַריין
ביז עס טראָגט אָן דער ווינט.
ער רייסט אַראָפּ דאָס געצווייג,
אַ בליץ זייער שטאָם צעשפּאַלט,
זיי פאַלן
און ברעכן זיך איבער אויף האַלב.
טאָג נאָך טאָג פאַרגייט,
יאָרן מיט יאָרן מיידן זיך אויס
און ערגעץ זיי קומען זיך ווידער צונויף.
די צייט מאַכט פאַרלירן אַלץ,
וואָס אין איר ווען זיך געפינט
און אַליין ווערט זי קיינמאָל נישט אַלט.

3

שאָטנס בלאָנדזשענדיקע
אויף די וועגן
פון מיין טרוימען־לאַנד שווימען.
זיי טונקלען מיר נאָך,
ווי עפּעס אַ בייזער סימן.
בין איך מקנא דיביימער,
וואָס טויטערהייט
קיין שאָטנס נישט פאַרמאָגן.
ביימער געשטאָרבענע,
ווי טויטע מענטשן פוילן,
נאָר ערגעץ אין זומפּן אָפּגעלעגן,
פאַלט איבער זיי אַ רעגן —
הימלען גיסן בלויע טרערן.
דער געפאַלענער דעמב,
ער וועט אַ דעמב
אויך אין זיין געוועזנקייט פאַרבלייבן,
זיין נאָמען וועט נישט צעפרעסן ווערן —
מעגן הענגען איבער אים
בלאָנדע טעג מיט ווייסע בעלמע־אויגן,
שוואַרצע נעכט,
ווי מיילער פון אָפענע גריבער.
דערבאַרעמדיק איז די מאַמע ערד,
געשעט,
אַז אונטער דעם בר־מינן־בוים
אַ גרעזל שפּראָצט אַרויס,
פון דעם גרעזל
אַ בלעטעלע ווערט,
דאָס בלעטעלע וויקלט זיך אויס
און וואַקסט דעם טויט אַריבער.

4

בליט דאָס בלעטל.
גייט אַ זומער, אַ ווינטער פאַרביי,

צינדט זיך אָן אַ גאַנצער פרילינג.
ביים געוועזענעם שטאַם צופוסנס,
אויף אַ קוסט מיט בלעטלעך דרייט זיך
און דערהייבט זיך שלאַנק און יונג
אַ בוים אין צווייגיקן צעפלעכט,
ווי הענט איןברייטן צעשטרעק,
מיט נעסטן און פליגל־צעפּאָך
און לוסטיקן פאַנאַנדערזינג.
קומען וועט אַ צפון־ווינט —
וועלן גרינען שטערן
און שאַרפע שפּינדלעך זוניקע,
אין ווייסער פראסטיקער שטילקייט,
ווי ביי קינדער־וויגן
חלומות וועלן שפּינען.

5

נעפּלען בלאָנדזשענדיקע
אין לאַנד פון מיינע טרוימען שווימען.
קומען וועט אַמאָל דער טאָג,
וואָס וועט דער לעצטער זיין —
איך וועל דעם קרייז פון גאָרנישט איבערטרעטן
און ווידער זיך אַליין
אַנטקעגן קומען.
נישט קיין יורש־בלעטל
אויפגיין וועט ביי מיין צוקאָפּנס
און נישט צעצווייגן זיך דערנעבן.
קאָן איך זיך
צו טויטעביימער גלייכן?
דעריבער, ווען די לעצטע רגע
אָפּטאָן וועט זיך פון מיר,
אומבאַוווסטער, בעט איך דיר,
טו אָפּ פון מיין פּנים אדמס געשטאַלט,
אַז אַרויס איך זאָל פון זיין הויט,
וואָרעם אין דער צורה זיינער
דריי מאָל זיין וועל איך טויט.

6

נעפּלען בלאָנדזשענדיקע,
וואַנדערנדיקע שאָטנס.
איך בין דאָס אורקינד פון זינד.
כ׳בין בלינד געווען צו זען
ווי אַלץ אַרום איז בלינד.
געמיינט, אַז ווייס איז ווייס,
שוואַרץ איז שוואַרץ
און אַלץ צוזאַמען איז אַ פאַרבנשפּיל.
איצט ווייס איך:
מיין האַרץ אינמיטן פון אַן אָפּגעגנאַרטער וועלט
בענקט און בעט:
די וואַנדערשאָטנס פון מיין טרוימען־לאַנד פאַרלעש,
לאָמיר שטאַרבן ווי אַ בוים אין וואַלד,
ווענדט אָפּ פון מיר, בן אדם, דיין געשטאַלט.

געדאַכט

* * *

וואָלט איך בעסער מיין ליד פאַרשלאָפֿן,
בלייבן אָבער מיינע אויגן אין שלאָף אַפילו אָפֿן,
און ווען איך רו שוין יאָ מיט אויגן פאַרמאַכטע,
טונקלען זיך ווי פליגן געדאַנקען נישט געטראַכטע.

וואָלט איך פון זיי אין דער וועלט אַריין אַנטלאָפֿן,
דערפיל איך, ווי די אויגן זענען ווידער ביי מיר אָפֿן —
פאַרגראָב איך זיך אין געלעגער, ווי דאָס טוען פּחדנים,
שטייען זיי אַנטקעגן און לאַכן מיר אין פּנים.

נעם איך רופֿן פאַר באַשיצער מלאכים גוטע,
האָבן זיי אויף ערדישע געדאַנקען נישט קיין שליטה.
וואָלט איך רופֿן צו גאָט און צו אַלע געטער,
ווייס איך דאָך, אַז געטער זענען אויך נישט מער ווי געטער —
זיי רוען אין די היכלען פון הימל בהרחבה
און זינדיקן נאָך מער ווי מענטשן במחשבה.

הייב איך אָן תּפילה טאָן צו זיך אַליין —
דרינגט נאָך טיפער דאָס ליד אין מיר אַריין.
פיל איך שוין די פינצטערניש וועט אָנהייבן זינגען
פון רחבותן פאַרשמידטע אין קייטן־רינגען.

און אַז אין קייטן פאַרשמידט, איז דאָס ליד דאָך נישט פריי,
געהערט עס נישט מיך. איך בין נישט דערביי.
איז פרעמד מיר, ווי טאָקע די פרעמדקייט אַליין, מיין געדאַנק —
צווישן הימל און ערד אַ וויינענדיק געזאַנג.

בלינד און טויב

אויגן בלינדע זענען קיין אויגן נישט,
אויערן טויבע — נישט קיין אויערן,
דאָךביידע שטייען ביים מלכות־טראָן
און היטן פון היכל די טויערן.

זאָגט די בלינדקייט צו דער טויבעניש:
הערסט דעם געשאַל פון פאַנפאַרן?
דעם דונערוויש פון האַרמאַטן
דאָס קומט דער האַר פון אַלע האַרן
מיט זיינע יועצים זיך באַראַטן.

זאָגט די טויבקייט צו דער בלינדעניש:
די אויגן הייב אויף, קוק אין די ווייטן,
מחנות רייטער אין שטויביקן גאַלאָפּ —
דער האַר פון אַלע האַרן קומט צו רייטן.
אמת, מיט אַ קרוין, נאָר אָן אַ קאָפּ.

זאָגט די בלינדקייט צו דער טויבעניש:
הערסט, ווי די ווערטער זיינע פליסן?
ווי האָניק פון זיין מויל עס טריפט.
אַ האַלבע וועלט קניט ביי זיין צופיסן,
די מחשבה זיינע, ווי דער תהום איז טיף (איַי, איי!)

די בלינדקייט זעט! די טויבקייט — הערט!
אין אַ פאַרקערטער וועלט — איז אַלץ פאַרקערט.

זומען פון ווערטער

זומען פון ווערטער
איך וואָלט איבער פעלדער
ווי קערנער צעשאָטן
אָנשטאָט אויף פּאַפּיר צו פאַרשרייבן.
אין טונקל פון ערדישן אמת
די שלעכטע
אין ווקס אויסגעראָטן,
עס זאָלן די גוטע פאַרבלייבן —
מיט ביטערע וואָרצלען געברודערט,
מיט בלומען געשוועסטערט,
אַז אויפגיין פון זיי זאָל אַ ליד
נישט דורך קיין פאַרביקייט פרעמדע
געלעסטערט.

זומען פון ווערטער
איך האָב שוין ווי קערנער
פאַרוואָרפן אַמאָל אין דער ערד
און זיי שפּעטער געפונען
אין ווייטקייט פון גלי־מעטעאָרן.
זיי האָבן דאָרט שטערנדיק הימליש געלעבט
און דאָ —
אין ערדישן קרייז אויפגעהערט
לעבן.
ווי צווייגן געבראָכן פון בוים
אויסגעטריקנט געוואָרן.
ווערטער, באַשיידענע ווערטער
געבוירן אין פלאַם פון אַ זון־אונטערגאַנג,
אין שטילקייט פון גראָז,
אַמאָל, ווי אַ בלאַט אינעם האַרץ פון געוויטער —
איר קאָנט אויכעט זיין
אין אַ סנאָבישן טרוים אַ געשליידערטער שטיין,
אַן אייז־קאַלטער שטראָם
אויף פייער
פון הימליש־צעהיצטע געמיטער.

כ'האָב זיך אַריינגעחלומט

כ'האָב זיך אַריינגעחלומט
אין אַ ווייט־פאַרגאַנגענער עפּאָכע.
אונטער פרעמדע הימלען שטיין געבליבן.
ביי ברעגעס פון געוועזענע טייכן,
אויף ראַנדן פון וויסטעס
מיט בערגלעך באַגליטע שטיינער.
גערריסן די שטיינער פון דער ערד
מיט אַ הילצערנער סאכע.
נאָך דער סאכע מיינער,
ווי אַ שוואַרץ קראַקעריי פון קראָען,
איז אַ קללה נאָכגעגאַנגען:
„מיטן שוויים פון דיין שטערן
דיין מויל זאלסטו שפּייזן!"
גיי איך אַרום אין ווייטע פאַרלאָשענע וועלטן,
איינגעשפּאַנט אינעם יאָך
פון פאַרקנעכטעטע שעהן,
און עס יאָגט זיך נאָך מיר
אַ גרויסער יאָרהונדערט
אויף רעלסן פון אייזן.

כ'האָב זיך אַריינגעטאָעמט
אין צוריקוועג פון טויזנטער יאָרן
און דערזען מיינע אבות
טרייבנדיק סטאַדעס
פון מזרח קיין מערב,
פון דרום קיין צפון,
טאָל־אַראָפּ,
בארג־אַרויף
צו קיינמאָל נישט־דערגאַנגענע היימען.
און נישט נאָר די סטאַדעס —
די ווינטן זיי האָבן געטריבן
אין געצעלטן פון ווינט;
אונטער דעכער פון הימלען צעברענטע —
דעם מי און דעם מאַטער.

געלאָזן
האָבן מיינע אבות —
די פּאַסטעכער פּאַטריאַרכאַלע —
דעם ריח פון זייערע וועגן.
איך פיל
דעם דורשט פון אויסגעברענטע מדבריות.
צוזאַמען מיט זיי,
מיינע אבות,
אויף שבעים לשונות
איך קריץ
אין אייביקער שטומקייט
פון שטיין
לזכרון.

כ'האָב זיך אַריינגעהיינטיקט
אין נעכטנס פאַרגעסענע
און דערקענט מיין ערשטן איך —
אַ גליד פון אַן אַלטן נאָמאַדישן שבט,
וואָס באַגערט נישט
נישט קיין קישן
פאַר זיין קאָפּ צום שלאָפן,
נישט קיין צוים פאַר זיין טראַכטן,
נישט קיין גרענעץ פאַר זיינע טריט.
הייב איך אויף מיין קול —
אין ווייטער פאַרלוירעניש ווערט עס דערהערט.
איך טרעט אויף די שפּורן
פון מיין ערשטן אַמאָל.
ווי שאָף און ווי רינדער
די טעג מיט די נעכט
צום ראַנד פון דער צייט איך פאַרטרייב.
דער וואָלף זייטיקט אָפּ פון וועג,
און מענטשלעך
עס איז דער פירפיסיקער לייב.

כ׳האָב זיך אַריינגעוואָרקעט
אין אַ ווייטן חלום,
וואָס פאַרווישט דעם שטח פון דאָ און דאָרט.
ווי גערן איך וואָלט אויף דעם חלום
מיין גרויע איצטיקייט פאַרביטן,
אין דערהויבענעם שלאָף —
אַליין זיך פאַרשלאָפן,
און אַן אַנדערער אויפוואכן
זאָל אויף מיין אָרט.

ווייס אָדער שוואַרץ

נאָך וואָס פאַררייסן דעם קאָפּ צו די שטערן —
די ערד איז אַ שטערן אַליין.
אַזאַ וואָס קיין זון קאָן נישט ווערן,
נאָר אַמאָל ווי אַ זון וועט פאַרגיין.

אָפּט געצייכנט די ערד מיט אַ בלייער,
פאַרשלאָסן אין אייגענעם קרייז.
ווער ווייסט, צי איך וועל נישט אַמאָל ביי איר פייער
פאַרפרירן אויף אייז.

נאָך וואָס פון אייגענעם שאָטן אַנטרינען,
דער שאָטן — דאָס בין איך אַליין.
עס וועט אויף זיין אָרט מיך אַ מאָרגן געפינען,
ווען ער אין דער נאכט וועט פאַרגיין.

פון אומעטום וועל איך צו זיך ווידער קערן —
איך בין די מאַטעריע, דער גייסט.
ווייס אָדער שוואַרץ — איך וועל קיינמאָל נישט ווערן
צווישן נישט־שוואַרץ און נישט־ווייס.

אונטער הימלען

אונטער הימלען אויפגעמאָרגנטע —
ווי עס וואָלט אויף קרישטאָלענע טראָפּנס
די זון זיך צערעגנט —
אַ לויטערקייט איז אָנגעפלאָסן.
ריטשקעלעך פלאַמיקע
שפּילן אויף שטעגן און וועגן.
בלויז איך
בין אין קרייז פון נעכטן
איינגעשלאָסן
און קאָן נישט
די שוועל פונעם היינט איבערטרעטן.
ווי אַ שאָטן
כ'נויג אָפּ פונעם ליכטיקן אָנפלייץ
אַהין, ווו עס זומפּיקט
אַן ערשטער פאַרגאַנג
פון אַן אויפגאַנג אַן ערשטן,
וואָס האָט נאָך
דעם תוהו־ובוהו
פון אורצייט באַלויכטן.

מיין פּנים איך קער אָפּ פון דער זון
נישט דערפאַר,
ווייל זי איז מיר דערווידער געוואָרן —
איך האָב דאָך נאָך איר
אויסגעבענקט מיינע יאָרן,
און זי — נאָר אויף רגעס
אַ שימער געטאָן אין מיין זייט און פאַרשווונדן.
עס האָט מיר די פינצטערניש
גרעסער, נאָך העלער
איר בילד אויסגעמאָלן,
די ברייטן און הייכן,
אַ חלום באַפליגלט,
מיין אויפשוואונג צו אַלץ וואָס נישט גרייכבאַר
געצונדן.

*

איז געקומען אַ טאָג,
איר איבערמאָסיקע שיין
האָט אַ מבול־געטאָן אויף מיין קאָפּ,
אַלץ מיטאַנאַנדער פאַרלאָשן.
אַ גלגול־מחשבה
פון עמעצנס פאַרשטאָרבענעם מוח
אין מיר האָט זיך אַריינגעטראכט.
איצט:
ווי שווינדל־פייערלעך פון די אויגן מיינע
פלאַקערט דער אָפּשלאָג
פון אויסגעזונגענעם געזאַנג —
ווידערקלאַנגען פון אַרויסגערעדטע רייד
אויף אַ קיינמאָל נישט געהערטן לשון.

*

מאַמע זון,
אונטער פרימאָרגנס לויטערע
מייד מיר אויס.
כ'וויל ווערן פריי פון דער קראַפט,
וואָס הייבט מיך אויף צום הימל
און שליידערט מיך צוריק אויף דער ערד,
אויפן אַש פון אַלגעוועזענעם.
איך בין נישט מסוגל מער
דעם זין
פון גרויסן אומזין צו באַנעמען.
נישט גרייכן וויל איך
צום גרונטפעסט פון בראשית,
נישט צום באַשעפער,
וואָס האָט די ווינקל־שעהן פון דער צייט
מיט שפּינוועבס
פון זיין אייביקייט באַוועבט,

און נישט
צום קיינמאָל נישטגעשטאָרבענעם לעבן,
וואָס האָט שוין לאַנג זיך אַליין אַריבערגעלעבט.
איך וויל נישט,
איך וויל נישט,
איך...

דער מלך

אין זיין לעצטן בין־השמשות
אַריינגעקיניגט האָט דער מלך
און געבליבן שטעקן אויף דער גרענעץ
פון נישט אַהער און נישט אַהין.
צעשפּאַלט זיך אונטער זיינע פיס
דער ערדישער קיילעך,
הייבט אָן בלוטן איבער אים
די פאַרגייענדיקע זון.

דער מלך לענט זיך אָן אויף אַ סצעפּטער.
דער סצעפּטער איז שוואַרץ
און ווי ער איינגעבויגן.
זיין מלכותדיקער קאָפּ,
ווי פון ליים אָן אויסגעקלעפּטער,
גליווערט — אַ מאָנומענט
מיט פאַרגולמטע אויגן.

עס שטייט דער קעניג,
עס וואַרט דער מלך,
אַז שטיינערנע שווערדן
אין קנאַכיקע פינגער
פון זיינע געשטאָרבענע הענט
זאָלן ווידער אַ פּאָך טאָן,
ווידער שפּאַלטן קעפּ.

אַריינגעזונגען

כ'האָב אַריינגעזונגען אין דער וועלט
און ווי פון אַ פוילער פּאַס
האָבן ווידערקולות וואָיענדיקע
אין פּנים מיר צוריקגעשלאָגן.
דריקן זיי, די ווידערקולות,
אויף מיין ליד, ווי אַ שווערע לאַסט.

דער שר פון שירה
האָט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד
און וואלגערט זיך אין שטויב.
איז דען שולדיק די פידל,
ווען דער שטיין איז טויב?
איז דען שולדיק דער שטיין,
וואָס זיין שטומקייט
דורך קיינעם וועט קיינמאָל נישט ווערן דערהערט?

כ'האָב אַריינגעזונגען
אין דער זוניקייט פון אַ מיטן-טאָג,
האָט מיר
דער ווידערקול פון אַ וויינגעשריי אין פּנים צוריקגעשלאָגן.
איז דאָך אַ סימן,
אַז אויך די זון איז נישט פריי פון אַלדע פּלאָג
און ציט אַמאָל פאַרביי ווי אַ בר-מינן
דורך געלאָשענעם הימל אַ פאַרפינצטערטע
אין אַ שטערנדיקן טויטן-וואָגן.

כ'האָב אַריינגעזונגען
אין דער שטילסטער שעה צווישן טאָג און נאַכט,
און דערהערט
דעם אָפּהילך פון אַ פאַרשטויסענער תּפילה
אויף בלוטיקע פעדים
פון אַ שטאַרבנדיק האַרץ.
דערפילט דאָס געוויין
פון דער צייט,

וואָס מיין ביטער געזאַנג האָט אויסגעלאַכט,
די קראַפּט פון עפּעס אַ דעמאָן
וואָס פאַרוואַנדלט שוואַרץ אין ווייס
און ווייס אין שוואַרץ.

אַזויפיל לעבן

אַזויפיל לעבן אַרום מיר —
איך בין אַליין.
וואָס קאָן היימישער נאָך זיין,
ווי פון מיין שטוב די טיר?
נאָר אויף איר שוועל
בלייב איך אָפּט אַ פראַגע־צייכן שטיין.
מיינע טעג זענען וואַנדערער,
די פרעמדקייט, וואָס אין מיר,
זיי שלעפּן אָן אַ ציל אויך מיט זיך.
טרעפט,
אַז אַלע הייליקייטן טרעטן מיינע פיס
און פאַר שוואַרצער טומאה
טו איך אוים די שיך.
נישט פאַר גרענעצן און צוימען —
פאַר מיין אייגענעם שאָטן
בלייב איך שטיין.
אפשר וועט געשען אַ נס,
אַז אויך אים
איך וועל בשתיקה אַריבערגיין.

דער נביא

לעצטע שעה פון נאַכט,
און צו טאָג נאָך פרי איז,
נאָר דאָס האַרץ פון נביא וואַכט,
ביטער זיין נביאות.

אויף זיין קלייד דער שטויב
פון מדבר און געמאַרקן,
ער וויל די פליגל פון דער מבול-טויב
פאַרן שטורעם שטאַרקן.
„אַזוי זאָגט גאָט: אַ שווערע שטראָף
וועט קומען — ווײ געשריגן!"
וועקט מבולבל זיך דער שלאָף
פון קינדער אין די וויגן.

גרויער ווערט די שטאָט,
הייזער — אויסגעקרומטע —
אויף קיינעמס נישט באַראָט,
ווי וויטע, אָפּגעפרעמדטע.

לעצטע רגע טראָפּנט אָפּ,
און מיט דעמער-פאַרבן
מאָלט אַ מאָלער אָן אַ קאָפּ —
דאָס בילד פון ערב שטאַרבן.

האַקט זיך אָפּ דעם נביאס שטים,
— ער רירט נישט מיט קיין אבר
פון יעדן הויז
וואַקסט אַרוים אַ קבר.

זיין פּנים שוואַרצער פון דער ערד,
זיין קאָפּ פון אַש — אַ גרויער.
ווײ צום וואָרט, וואָס גרייכט נישט מער
קיין לעבעדיקן אויער.

די ערשטע רגע

דאָס הייליקע פייער פון יצירה
האָט אַן ערשטע רגע אָנגעצונדן.
האָט זיך פון איר גענומען
אַ שעה, אַ טאָג, אַ יאָר —
ביז צווישן הימל און ערד
האָבן שרפה־פלעקן זיך פאַרשפּרייט,
ווי רויטע וווּנדן,
ווי אויגן,
וואָס האָבן פון זיך
די ליכט־ווייסלען אַרויסגעקלאָגט.

די ערשטע רגע
אין גרויסן פלאַם
האָט זיך אַריינגעשמאָלצן,
אין ראָד
פון אייביקייט אַריינגעדרייט.
ווי אַ פאַרזשאַווערט רינגל פון אַ קייט
די ראָד
האָט איר פון זיך אַרויסגעוואָרפן.
גייט זי אַרום אויף שטאָלצן
ביי די הינטערטירן פון דער צייט.

די יינגסטע רגע,
די נשמה פונעם ערשטן באַגין
פיבערט אַרום אָן אַ תיקון.
עס לייגן זיך שעהן,
נעכט און טעג, ווי קרעץ אויף איר הויט.
וואָס האָט איר צו דעם געבראַכט
זי זאָל אַראָפּ פון זינען,
ווען אַלע בבל־טורעמס פון גאָר דער וועלט
זענען באַלד שוין אויפגעבויט?

דער שטערנזעער

דער שטערנזעער
פאַררייסט זיינע אויגן צום הימל.
ער זעט:
קומען וועט אַמאָל אַ טאָג
און די נאַכט
אויף אייביק פאַרבייטן;
אויפגיין וועט אַ זון
אָן שאָטנזייטן.

די זון —
זי קרייזט איבער מיר,
אונטער מיר,
אין יעדן וואַסערל
קאָן איך זי געפינען.
וואָס קומט אָבער ארויס,
אַז איר ליכט
איז דורך די פינגער פון דער צייט
אויסגערונען?

אַ גן־עדנדיקע פלאַנץ
גייט אויף אין מיין גערדאַנקען־פעלד.
ווער ווייסט,
צי די האַנט פון אַ געזאַלבטן געטש
וועט אַמאָל די פלאַנץ נישט פאַרדאַרבן?
דאָס בילד פון מיין טרוים
אַזוי לאַנג וועט בלייבן בילד,
ביז דער האַרבסט אין מיין בליק
וועט פאַרוועלקן זיינע צויבער־פאַרבן.

דער שטערנזעער
פאַררייסט צום הימל זיין קאָפּ —
די מאָרגן־זון
איז פול מיט פלעקן.

מיט אַ לאַמטערן אין האַנט
אַן אַלטער וואַנדערער
זוכט אַרום מיין זיידנס הייל,
ווו דער שוווּנג פון מיין צייט
איז מיט צובראָכענע פליגל
געבליבן שטעקן.

פאַראַן אַ צייט

פאַראַן אַ צייט,
ווען איך וואָלט גערן,
אַז פון קלענסטן זעמדעלע
אַ בלום זאָל ווערן.
און אַמאָל פאַרקערט —
אַז פאַרן שפּראָץ פון גרעזל
פאַרשלאָסן זאָל זיין די ערד.

פאַראַן איז אַ טאָג,
וואָס דער אָנהייב פון סוף
זיין וואָלט איך גערן,
און וויסן, נאָך יעדן מאָל שטאַרבן —
פונדאָסניי וועל איך געבוירן ווערן.

דור־הפלגה־רייד

עס זינגען אין מיר,
עס וויינען אין מיר
די דור־הפלגה־רייד
אויף אַלע צעמישטע לשונות.
צום ברעג פון מיין מחשבה־טייך
האָט זיי, אפשר, די צייט,
ווי שאָטנס פון טורעם בבל
(פאַרמאַכטע אין שטיינערנע ארונות)
צו טרייבן געבראַכט.

ווער ווייסט,
אפשר האָב איך אַמאָל אַליין
די אַלמעכטיקייט
און העכסטע הייכן אויפצווינגען באַגערט
נאָך אַ הימל —
די ערדישע שפּילות באַדעקן
און דעם דראָענדיקן וואַלד־געברום
פון פירפיסיקן ערד־מענטש
אַ געטלעכן פייער־פונק,
ווי אַ בשורה־טובה פאַרן עתיד, צו דערוועקן.

ווער ווייסט,
מיר ווייזט זיך אויס,
אַז נישט איינמאָל שוין
אויף בבל־טורעמס, מיט פּויסטן געביילטע,
אַנטקעגן הימל בין איך געשטאַנען
אין ווייטן דור־הפלגה־לאַנד
און אַז אייביק וועל איך אַזוי שטיין
מיט אַ שטיין אין דער האַנט
צו פלעטן ביי מיין מיטבויער דעם מות.

דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען

צו טרויער איז געוואָרן
דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען.
אַ ווינט מיט צער
שוועבט איבער ימען.
פון פאַרשטיינערטער טריקעניש
וואַקסט אַרויס די טויבקייט,
נישט צו קאָנען דערהערן
דעם אויסקלאַנג פון ליבע
אינעם האַרץ פונעם מלך.

אין אַ פאַסטוך־ביידל,
צווישן פאַרשאָטנטע בערג
זיצט די פאַרבענקטע פון מלכם חלום:
אַזויפיל דורות אַריבערגעלעבט
און וויפל וועט נאָך אויסקומען
אַריבערצולעבן!

אַרום דעם ביידל
קוילערט זיך דאָס וואָיען פון שאַקאַל —
ער האָט דעם תמצית פון שיר־השירים
אין זיין הונגער אויפגעפרעסן.

דער פאַרבענקטער מלך טראָגט זיין קרוין.
און אונטער דער קרוין —
אַ פאַרשטאָרבענער קאָפּ,
אַ מויל,
וואָס האָט דאָס אייביקע געזאַנג
צוזאַמען מיט זיין האַרץ אַרויסגעזונגען.
הענגט דאָס האַרץ אין מיטן הימל —
אַ פאַרלאָשענע זון
פון שיר־השירימדיקע טענער
ווי פון טויזנטער
פאַרסמטע פיילן דורכגעלעכערט.

דער פּרדס ברענט

דער פּרדס ברענט, רב אקיבא!
דאָס פייער האָט פון אַלע זייטן אים אַרומגענומען,
דערפאַר, וואָס אַ פאַרוואָגלטער חוזר-בתשובה
איז זיין לעצטע שעה צו דערלעבן
אין זיינע היכלות געקומען.

דער פּרדס ברענט!
און גאָרנישט פון אים איז שוין באַלד פאַרבליבן.
און דיך האָט מען פון דאָרטן אַרויסגעטריבן, ר׳ עקיבא,
און נישט נאָר געטריבן —
די הויט מיט אייזערנע קאמען אַראָפּגעריסן.
אפשר דערפאַר,
וואָס דעם סוד פון אַלע סודות
האָסטו זיך, גרויסער תנא, געוואָלט דערוויסן.

דער פּרדס ברענט!
און עס ברענען אויף דיין לייב,
ווי שטערן אין הימל, די וונדן.
דאָס האָט אַן אייניקל
פון גרויסן ריש-לקיש דעם גזלן
איבער צענדלינגער דורות
מיט פייער פון רשעות
זיינע הייליקייטן אָנגעצונדן.

ליכט אויסגעגאַנגענע

ליכט אויסגעגאַנגענע,
ווי זאָל איך אַן איבערבלייבס פון אייך געפינען?
זון און שטערן,
ווי קראַנקע אויגן זענען אויסגערונען,
טונקלען אין די פענצטער פון מיינע טעג
מיט בלענדעניש פאַרהאַנגענע.

ליכט מיט אַש פאַרשאָטענע,
אַרויסגעאָטעמטע פון האַרץ,
אין אייער דערהויבנקייט איז מיין ליד אויפגעגאַנגען,
אין אייערע נעסטן די מחשבה אויסגעבריט,
אַריבערגעטראָגן אַלע גרענעצן
פאַר בן־אדמס דורך געטער פאַרבאָטענע.

ליכט אויסגעלאָשענע,
צווישן הימל און ערד אויסגעשטאָרבענע!
די צייט האָט אויפגעהערט צו זיין,
פון אַלע ווענט זיך אַראָפּגעשלאָגן.
זאָל מיין אויסגעוויינטער שיר
אַ לעצטן קדיש נאָך איר זאָגן,
ווי נאָך די וואָרצלען פון אַלע עץ־החיים
דורך שרצים און אַלע מינים ווערים פאַרדאָרבענע.

שטערן

אויגן בלינדע פון נישט זען,
אויערן טויבע פון נישט הערן.
אין אַלע צייטן אַ צייט געווען
פון לויכטנדיקע שטערן.

געציטערט זיי האָבן, אַראָפּגעגלאַנצט
אויף שוואַרצער ערד פון אויבן,
און עמיץ האָט געטאַנצט אין שטויב
פון אויסגעברענטע גלויבנס.

אויגן — בלינדע פון צופיל זען
אויערן — פון הערן.
אין אַלע צייטן אַ צייט געווען
פון אַלע מינים שטערן.

פון דער הייך אַראָפּגעבליקט —
אַן אויפגעשטראַלטע בשורה,
האָט מען זיך צו זיי געבוקט,
געלויבט, געזונגען שירה.

און נישט געזונגען שירה בלויז
פאַר נייע צען געבאָטן,
נאָר אויך די ווענט פון אייגן הויז
געשטעלט אין זייער שאָטן.

שטערן לייכטן אין חלום נאָר,
ווי העלע זונען־שיינען
און ווי שטיינער אויף דער וואָר
די וועלט קאָנען פאַרשטיינען.

נישט יאָג זיך

וואָס פאַר אַ שאָטן
עס זאָל דיר נישט לויפן פאָרויס —
נישט יאָג זיך נאָך אים,
פאַרפירן ער וועט דיך
אין שאול־תחתיה.
די גרונטפּעסטן פון דער ערד
מאַכט ציטערן דאָס קול,
וואָס קומט פון תהום אַרויס
און געשלאָגן מיט בלינדקייט איז
די אַלזעעוודיקע ריאה.

שוין אויפן מאָרגנשטערן־ראַנד
טונקלט די רגע פון פאַרגיין,
דער סוף פון נעכטן
שפּרייזט דעם אָנהייב פונעם היינט אַריבער.
אַ צייט פאַראַן אַזאַ,
ווען דאָס לעבן שלאָגט דעם קאָפּ אין שטיין
און דער טויט אַליין
אין אַ סדומיש בעטל פיבערט.

וועמענס פליגל איבער מיין קאָפּ
איך זאָל נישט הערן רוישן
און אויסשטראַלן פון זיך
בונטע צויבער־קאָלירן —
ווייס איך,
אַז שוואַרץ אויף ווייס,
אַזוי ווייס אויף שוואַרץ
אין אַן הרף־עין קאָן זיך טוישן.

*

אפילו אַ ליכטיקער שטערן
קאָן אויך אַמאָל פאַרפירן.

ווען איך זאָל קאָנען

ווען איך זאָל קאָנען
פון ווערטער מאַכן שטאָל
און פון אייזן זייערע ווידערקלאַנגען —
וואָלט איך נישט בלחש
און נישט אויפן הויכן קול
געזונגען פאַר קיינעם
קיין לויבגעזאַנגען.

ווען איך זאָל קאָנען
פון אַן איינציקן זונענשטראַל
באַשאַפן אַן ערדיש ליכט
און מיט איר באַווייזן, אַז פאַראומרייניקט ווערט
דער קלאָרסטער אידעאַל,
ווען קריכערישע מיסטווערים
מיט אים זיך שפּייזן.

ווען איך זאָל קאָנען
אונטערן צודעק פון שיידל
דערבליקן דעם פאַרטראַכט
און אין ליגנערישע מיילער
פאַרשטומען די רייד,
וואָס קלאָרע מחשבות פאַרשוועכן —

יעדער שאָטן פון בייז
הייבט זיך אַרויס פון דער נאַכט,
און דער טאָג
נישט איינמאָל נאָך,
אויף דעם גלייכסטן וועג,
צעברעכן וועט דעם קאָפּ.

שאָטנס

שאָטנס פאַרהוילענע,
שומרים שאָטנדיקע,
פאַרוואָס גייט איר מיר נאָך?
פון וועמען באַשיצן ווילט איר מיך!
פון זיך אַליין?
אויפן טראַקט פון דער צייט
יאָרן מיט יאָרן האָבן זיך געמיטן
און עס קומט נישט די שעה
פון אייער פאַרגיין.

עך, שאָטנס פרעמדוועלטיקע —
ווען אַלע אייערע צוימען איך זאָל אַריבער
און גרייכן צו נישטגעאַנטע ווייטן,
קיינעם וועל איך דאָרטן נישט געפינען
און ביי מיין אַוועק פונדאַנען —
הינטער זיך נישט לאָזן קיינעם.
אפשר, ווי איינער פון אייך,
זיך אַליין וועל איך באַגלייטן.

מיט דורות צוריק בין איך געשטאָרבן,
און איצט ווי אַ ווייטע זעונג,
ערדיק איך צווישן אייך אַרום.
ווער ווייסט אין וועמענס טמא מויל
עס קלינגט מיין וואָרט אַ ליבע־סערענאַדע.
און עס קאָן אויך זיין,
אַז עמעצער
מיין געדאַנק פירט אַרום פאַרן צוים
צו די העכסטע שטאַפּלען פון פאַרליבעניש,
צווישן אויסגעטראַכטע מלאכים — גוטע און שלעכטע.

אויב ערגעץ

אויב ערגעץ אין אַ לאַבירינט
האָט די צייט עמיצן ווי אין קבר אַריינגעבראַכט,
און געשטאָרבן פֿאַר אים איז דער מאָרגנשטערן,
אויסגעלאָשן די שיין פֿון זונענלאַנד —
גיי איך אים אַנטקעגן
מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין דער רעכטער האַנט.

אויב ערגעץ, אין אַ שטילער שעה פֿון שטערנפֿאַל,
דעם ניי־געבוירענעם געשריי
ווינט די טויבקייט פֿון אַ שלאָפֿנדיקער וועלט
און געליימט זענען מוטער־הענט —
די בשורה אויפֿצונעמען
פֿיל איך. דאָס געשריי פֿון עלנט איז מיין,
איך ווער אין זיך אַליין
פֿונדאָסניי געבוירן.

אויב ערגעץ ביים קראַנקנבעט
דער שאָטן פֿון לעבן טוט זיך אָפּ,
און בליקן שטאַרע
מיט ווייסקייט פֿון ווענט דערצאַנקען,
פֿיל איך, אַז איך בין אַ קברן
פֿון עמיצנס נישטדערערדטע רייד
און נישט דערטראַכטע געדאַנקען —
אין קבר פֿון מיין מוט באַגראָבן.

זיבן הימלען

זיבן הימלען אויסגעטראַכט,
אַ גאָט מיך צו שרעקן האָסטו באַדאָרפֿן!
נאָר איך פֿון אַלע האָב איינעם געמאַכט
און אים פֿון דאָרט אַרויסגעוואָרפֿן.

אַמאָל געוועלטיקט האָט דיין פֿרומע בייטש,
האָבן זינדיקע אויף שייטערס געפֿלאַקערט —
יעדע תּורה ליגנערט מיט אַן אַנדער טייטש,
דער וואָרעם פֿון ספֿק אין מוחות אַקערט.

ווי צו דיר, נאַריש־קלוגע וועלט
פֿון ווייס און שוואַרץ, גרין און רויט!
העלישע פֿייערן בריען מיט קעלט
און אַלץ צוזאַמען זינקט אין קויט.

זאָל געוועגן

1

זאָל געוועגן אַ טאָג,
ווען זיך אַליין
וועט פייער פאַרברענען,
און וואַסער —
אין מבולם דערטרונקען ווערן,
ווען דער באַשעפער
וועט זיין וועלט נישט מער דערקענען
און פּראַווען בראשית
אויף אַן אַנדער שטערן.

זאָל געוועגן אַ שעה,
וואָס בלאָנדזשעט ביי דער צייט אונטערוועגן,
פריי פון שאָטן און ליכט
און פון ציפערדיקע צוימען.
אַ שעה אַזאַ
קאָן אַ גאַנצע אייביקייט אַריבערוועגן,
צום הימל דערלאַנגען
דורך אַלע טיפענישן
און וויסטע תהומען.

2

און זאָל געוועגן אַ צייט,
ווען די ברעגעס פון נאַכט
אַ מיטנטאָג־זון וועט באַזוימען
און דעם הפקר פון שטורעמווינט
מלכותדיקע שטילקייט בלויע
ביי איר צופוסנס זאָל רוען,
אַז דער שאָטן פון פאַרשניטענעם וואַלד
זאָל נאָכאַמאָל אָנהייבן גרינען,
און פון טויטע פייגל דאָס לעבעדיקע געזאַנג
אויף זיינע צווייגן
באַניים פאַנאַנדערבליען.

נישט פאַר דיר

נישט פאַר דיר דאָס ליד איך שרייב.
וואָס ביסטו דען?
אַ שפּיל, נישט מער,
אין די הענט פון צייט
פאַר צייטפאַרטרייב.

נישט פאַר דיר
דאָס וואָרט איך שמיד
אין גלי פון האַרץ.
ווען מאָלן דיך איך זאָל
מיט העלסטער פאַרב —
דיין נשמה אַלצאיינס
ועט בלייבן שוואַרץ.

טיר און טויער פאַר דיר איך פאַרשליס,
מיט טויזנט גרענעצן
פון אַלץ איך טייל דיך אָפּ.
גייסט אַרום אויף פרעמדע פיס
און מיט אַ פרעמדן קאָפּ.

בליצן

בליצן מעכטיקע
פון געוויטערס אַרויסגעשלאָגן!
אַרום דער ערד, מען זאָגט,
זיבן הימלען זענען דאָ.
שפּאַלט זיי פאַנאַנדער,
אַז דער וואָס ווייסט נישט, זאָל וויסן,
צי אויך אַנדערע שטערן
הימלען אַרום זיך פאַרמאָגן,
און צי זענען זיי אויכעט, ווי אונדזערער בלאָ.

בליצן מעכטיקע
אַרויסגעדונערט פון שטורעם!
אויב די קראַפט,
וואָס אייך באַשאַפן האָט,
אין אייך אַליין איז פאַראַנען,
פאַרוואָס פון מערב ביז מזרח,
פון צפון ביז דרום —
זיין לשון נאָר דורך פייער
מוז ווערן פאַרשטאַנען?

בליצן מעכטיקע
פון וואָלקנס אַרויסגעשניטן!
קאָן זיין, אַז שריפה
לעשט זיך אַמאָל מיט איר אייגענעם פייער
און דער קלענסטער פונק,
וואָס האָט דעם פלאַם אויסגעמיטן,
אונטער גאַנצע בערג מיט אַש
טרוימט פון אַ שריפה אַ נייער.

אָנהייב און סוף

װוּ הייבט זיך אָן,
װוּ ענדיקט זיך דער װעג?
װוּ קומט אַװעק
פון טאָג די שײַן?
װעלכער גאָט
— זײַ מוחל, װאָס איך פרעג —
טראָגט אַרום מײַן װעלט
אין זײַנע צײַן?
און מײַן מות —
װער האָט אים אַרײַנגעטראַכט?
געלעסטערט װערן
ער זאָל דורך מײַנע רייד?

אָ, סודות, סודות,
שװאַרצע װי די מיטננאַכט,
און נאָך שװאַרצער פון איר
איז דער באַשייד.
װער האָט די טריט מײַנע באַשטימט —
„עד כאן" און װײַטער נישט קיין שפּאַן?
אויף רעכטס און לינקס
מײַן יעדער קער איז אויסגעקרימט
און קיין מיטנװעג
איז נישט פֿאַראַן.

אין אַ ווייט לאַנד

אַמאָל, גאָר אַמאָל,
אין אַ ווייטן, ווייטן קונצנמאַכערלאַנד
עמיצער האָט זיך אויפן קאָפּ געשטעלט,
ווייל מ'האָט אים פאַר אַ מושל אויסגערופן
(עס האָט דעמלט אַ חכם
אין דער געשיכטע אויסגעפעלט).
איז טאַקע בּיסלעכווייז
פון זיינע פיס אַ קאָפּ געוואָרן
און מיט פיס־געדאַנקען באַנומען די וועלט.
איז מען אָנגעלאָפן אויף דעם בייזן וווּנדער.
איינער זאָגט — אַ חסר־דעה,
דער צווייטער — אַ דערפינדער,
אַ דריטער באַווייזט מיט פאַרשידענע ראיות:
בפירוש, בפירוש אַ נייעס.

טייל האָבּן געוויינט, אַנדערע — געלאַכט
און אויפגעהערט מיט דער צייט צו לאַכן,
און אַלע מיטאַמאָל גענומען האָבּן זיך
דעם קונצנמאַכער נאָכצומאַכן.

און יענער?
ער זעט די גאַנצע וועלט פאַרקערט,
ווייל די פיס זיינע גרייכן צום הימל
און דער קאָפּ איז פאַרזונקען אין דרערד.

די העכסטע הויכקייט

אַ שטאָפּל העכער,
נידעריקער אַ שטאָפּל —
ווערסט די שוועל פון דער וואָר
נישט אַריבערטרעטן,
נאָר אין איר שטראָם
ווי זאַלץ אין וואַסער צעגיין
און איבערלאָזן הינטער זיך
דעם וועג פאַר אַ צווייטן.

אפילו דער שטורעם-ווינט
נישט דיך און נישט קיינעם
וועט צום הימל פאַרטראָגן.
דאָס קלענסטע ווערעמל,
וואָס קריכט אויף בלינד,
קאָן דיך אַמאָל איבעריאָגן.
די מעכטיקסטע פליגל
וועלן דיך אהין נישט אַריבערברענגען.
אויף אַ זייפנבלאָז פון דיין גערדאַנק
דער גרעסטער שווונג וועט בלייבן הענגען.

אַ שטאָפּל נידעריקער,
העכער אַ שטאָפּל,
איבער ברייטע ענדלאָזע שטחים
וועסטו זיך אויפהייבן אין דער הויך
און פאַלן צוריק ווי אַ שטיין,
נישט דערגרייכן צו אויבער-וועלט
מיט אירע אויסגעטראַכטע מלאכים.

ווייל די העכסטע הויכקייט,
וווהין זי זאָל נישט דערגיין
איז זי נישט העכער
פון זיך אַליין.

ווו עס גרייכט מיין געדאַנק

ווען דער הימל איבער מיר וועט אויך נישט בלייבן,
אַ צווייטן וועל איך אויף פּאַפּיר באַשרייבן.
אמת, מיט דעם וואָס פון מעשה־בראשית
ער וועט זיך נישט גלייכן,
קיין זון און שטערן נישט פאַרמאָגן,
זיין הויכקייט איך וועל נישט דערגרייכן,
דערפאַר אָבער, דערפאַר — אין זיך איך וועל אים טראָגן.
און אויב די ערד וועט אונטער מיר אַנטרינען —
אויפן אָרט פון איר געוועזנקייט
מנוחה כ׳וועל געפינען.
ווען אפילו אָן אַ „דאָ“ און אָן אַ „דאָרטן“,
אין פעלד פון מיין מחשבה דער צעבליטער
גרינען וועט אַ גאָרטן.
און אויב די לופט אַרום וועט אויך נישט בלייבן,
פון אַלצדינג, וואָס געוועזן איז, קיין סימן —
פון ערגעץ וועל איך נישט אַוועק
און האָבן אומעטום געקומען,
אויך אַהין,
ווו אין חלום מיין פוס נישט געשטאַנען.
דאָ, ווו עס גרייכט מיין געדאַנק
דאָרט בין איך פאַראַנען.

דאָס פענצטער פון דער וועלט

דאָס פענצטער פון דער וועלט
איז מיט שטעכלדראָט פאַרקראַטעט,
און דער הימל איבער דעם
מיט געלע לאַטעס אויסגעלאַטעט.
אין פענצטער פון דער וועלט
אַ פייער פלאַקערט,
עס רויכערט דער מזבח פון פאַרלענד.
די צייט האָט פונעם וייטן עבר
קינס געביין אַרויסגעאַקערט —
נישט וואַקסן וועט קיין גראָז
דאָרטן, וווּ ער שטעלט זיין טראָט.
דער מלאך־המשחית
מאַכט שהחינו אויף אַ כוס מיט בלוט.

אין פענצטער פון מיין וועלט
אַ נייע גאָלגאָטע־שפּיז האָט זיך אַריינגענאָגלט.
צו וועלכן שוואַרצן יאָר און וווהין
האָסטו, אייביקער גאָט, אַוועקגעוואָגלט?
און ווילסט נישט זען
דורכן פענצטער פון מיין וועלט,
ווי אַ שוואַרצער שופט זיצט אויף דיין שטול
אין אַ טאָגע פון וועלפישער פעל געהילט
און עס ווערמט פון זיין מויל „גערעכטע" רייד.
און קעגן אים,
געשמידט אין קייטן טעמידאַ שטייט
אין שוואַרצן אָנגעקליידט.

תפילות

אַ לויב דיך

אַ לויב דיר, באַשעפער!
האָסט מיר געגעבן
פיס אויף צו גיין אין די וועגן
פון לעבן.
אויגן,
אַ מויל
דיין נאָמען צו רופן.
אַ לויב דיר, אַ לויב
דערפאַר,
וואָס מיר, דעם בן אדם,
באַשערט איז דיין אָפּבילד צו טראָגן.
פון אַלע מינים בעלי־חי
האָסטו אויסדערוויילט מיך.
האָב איך דען די ווערט די בחירה?
ווי נאָר איך גיב אין דיין שפּיגל אַ בליק
דערזע איך פאַר זיך
אַ גזלנישע צורה.

דאָס געוויין פון שטיינער

1

איך הייב אויף מיין קול.
צו דיר געהערן מיינע רייד.
די נאַכט מיט איר פינצטערניש
קומט אין איר צייט און גייט אַוועק,
קערט זיך אום און ווידער פאַרגייט;
דער טאָג זוניקט אָפּ,
אָדער וואָלקנט אַדורך מיט טריב געוויין —
און אַזוי, אויף דער שוועל פון טאָג און נאַכט,
ווערט פאַרברענט די צווישנשעה
און עס דרייט זיך די ראָד פון ווערן און נישט ווערן.
דו, דער אַלץ איבער אַלעמען,
וויפל מאָל מיינע אויגן צו דיר געוועגדט איך האָב,
גערופן, גערופן, גערופן
פון מן המיצרם אַזויפיל
און מיין רוף אין חלל איז געבליבן הענגען.
דעריבער אַלעמאָל באַשאַף איך דיך פונדאָסניי
און שריי פון מיינע טיפענישן אַרויס —
נישט בלייבן איך זאָל מיט מיין אייגענעם עלנט,
אַליין מיט אַלע מיינע אומגליקן
און מיט דער ביטערער טענה מיינער
צו דיר,
דער אַלמעכטיקייט,
וואָס כ׳האָב נישט איינמאָל שוין
פאַרלייקנט.

2

איך רוף צו דיר:
— זכור, געדענק, וואָס געטאָן האָט צו מיר
די באַשטראַלונג פון דיין שטראַליקייט,
דער באַשאַפענער אין דיין געשטאַלט:

מיינע לעבעדיקע פאַרטיליקט,
אויף די קברים פון די געשטאָרבענע
די מצבות צעבראָכן און צעקרישלט.
האָסטו געזען
ווי שטיינער גיסן טרערן,
האָסטו געזען ווי שטיינער רייסן קריעה?
ווי בלוט טריפט אַרויס פון זייער שטייניק האַרץ
מיט לעבעדיקע איינגעקריצטע נעמען?
דער הימל מיט בלוט,
די ערד מיט בלוט,
ביי טאָג און ביינאַכט
ווייטיקט די מחשבה אין מיין קאָפּ
מיט אויגן פון שטיין אַרויסגעשטאָכן.

3

אָ, געדענק, געדענק!
אַ בשר־ודם האָט אַמאָל
דורך פייער דיין וואָרט געהערט
און מיר דיין צורה אָנגעוואָרפן פון סאַמע ווייגל.
טאָ זיי מיר מוחל,
וואָס מיין הפקר־שירה
אין אירע הימל־שוועבערייען
אַראָפּגענידערט האָט דיך אויף דער ערד,
צעבראָכן דיינע פליגל —
מיין צווייגעשטאַלטיקייט
איך זאָל נישט מער דערזען אין דיר.
אין דיין נישטפאַראַנענקייט
איך זוך דיך אַרום
און בעט:
געדענק די טויטע מיינע!
לעש אויס דאָס ליכט אין די אויגן פון די,
וואָס זייער רו צעשטערן אין דער דערלייזערישער ערד.
מיינע נעכט פינצטערן אָן שטערן,
אָן ליכט פאַרגייען מיינע טעג.

איובס וווּנדן גליִען
פֿון דור צו דור,
פֿון דור צו דור,
פֿון דור צו דור,
און
נישטאָ קיין טרייסט פֿאַר זיי,
נישטאָ ווער ס'זאָל זיי היילן,
אַלץ נייע, נייע בראַנדווונדן
און די אַלטע נישט פֿאַרגייען.

4

אָ, גרויסער בעל־יסורים,
דו אייביקער איוב!
דו זיצסט
אויף דער שוועל פֿון מיין טיר,
מיט אַש אויפֿן קאָפּ
און שווייגסט אַ שווייגעניש,
וואָס צעטרייסלען די וועלט דאַרף —
אָבער צעטרייסלט נישט.
דו האָסט נאָך אַלץ דיין ווײ און ווינד
צו דער השגחה נישט אַרויסגעשריגן?!

5

געדענק, געדענק, דו נישט פֿאַרגעסענער!
טו אָפּ פֿון אים
און פֿון מיר, זיין גורל־אייניקל, דעם עונש
צו ווערן דערבליקט
פֿון טאַרקוועמאַדאָס נייע, מיט יושרדיקע רייד
אין זייערע טמא מיילער.
באַטויב דאָס אייזל־געשריי,
דאָס הינטישע בילעריי,
אַז זיי זאָלן צו מיינע אויערן נישט דערגיין,
ווען מיין נאַכט צעפֿאַלט אויף אשמורות דריי

און ביי יעדער אשמורה באַזונדער
שטעלט זיין נעדאַנק אויפן קאָפּ
אַ משוגענער שטערן־ציילער.

6

זכור הברית, געדענק
די רייד מיט שוואַרצן בלוט
געקריצט אויף גרויען שטיין.
געדענק
די שטומקייט, וואָס ציטערט
אין גרויס געשריי אונטער שטיינערנער הויט
לדור דורות.
פאַרשאָלטן זאָל זיין
דער צווייפיסיקער,
וואָס אויף די קברים פון מיינע געשטאָרבענע
האָט ער די מצבות אויף שטיקער צעבראָכן
און מיט יעדן שטיק באַזונדער
זיי ווידער געטויט.

אין טיפע לאַבירינטן

אין טיפע לאַבירינטן
באַלייכט נישט מיין וועג מיט דיין פייער —
ער וועט פאַרפינצטערן אין מיינע אויגן די בליקן.
מעג זיין דער וועג טויזנט מאָל אַ נייער,
אַלץ איינס אים פירן איבער תהומען
פאַפירענע בריקן.

אין טיפע לאַבירינטן
נישטאָ קיין אָוונט, קיין טאָג און נאַכט,
קיין באַגינען.
באַלייכט נישט מיין וועג מיט דיין פייער.
כ׳האָב אין זיין אָפּשיין פאַרלוירן
אַלץ, וואָס איך וועל שוין צוריק נישט געפינען

גיב מיר פליגל

גיב מיר פליגל,
באַפעלער איבער אַלע ברייטן און לענגען,
צעשטער פון פאַר מיר דעם גדר
פון איין ביז אוים.
איך וועל דערפאַר
דעם שטויב פון מיין ווייניקייט
אַ מתנה דיר ברענגען.
נאָר העלף מיר, העלף
פונעם ערדישן סדום־בעטל אַרוים.

לאָמיר ווערן הוילער באַגריף,
נישט גרייכבאַר, ווי דו,
און קוקן אין אַלע וויטן אַריין
דורך דיינע אויגן,
מעגן אַפילו
מיינע פליגל שטאַרבן אינמיטן פלי
און אין ערגעץ
נישט האָבן דערפלויגן.

גיב מיר פליגל,
איך זאָל אויף זיי דערשווועבן
צום אייביקן סוד
פון זון־אָפּ
און זון־אויף,
פון ווערן און נישט־ווערן.
מעג איך אַפילו דיך באַגעגענען
אויף די גרענעצן פון אין־סוף
און קלאָגן אויף דעם בראָך פון דיין באַשאַף
מיט פייערדיקן בלוט
און אייביק־קאַלטע שטערן.

דער חלק חכמה

נעם דיר צו דעם חלק חכמה,
וואָס דו האָסט מיר צוגעטיילט,
ס'האָט נאָך קיינער נישט דעם קלוגן,
נישט דעם נאַר
פון טפשות אויסגעהיילט.

טרינק נישט מיינע רייד ווי וויין —
כ'בין אַן „איך"
פאַר זיך
און וויל קיין אַנדערער נישט זיין.

נעם צו דעם הימל
און די שטערן —
כ'וויל נישט וויסן זייער צאָל.
שטערן צינדן זיך
און לעשן זיך טויזנטער מאָל.

די פאַרתפילהוועטע צורה נעם צו פון מיר.
איך וויל נישט זיין
דער יום־טוב פון וועלט
נישט איר אינדערוואָכן,
נישט זאָגן הספדים ביי קברים.

מיינע זינד

פאַר די זינד, וואָס איך האָב נישט געזינדיקט,
זיי מיר מוחל, באַשעפער,
אין דיין רחמימדיקן דויער צווישן טויט און לעבן;
די חטאים, וואָס איך בין יאָ באַגאַנגען
אליין וועל איך מיר פאַרגעבן.

זיי מיר מוחל, יוצר המאורות שטראַלנדיקער,
כ'האָב אַזוי פיל מאָל דיין הייליקן נאָמען גערופן
און ערגעץ אַ שטערן פון ווייטן הימל פאַלנדיקער
האָט פון דיין גאַנצער חכמה
אַ קרומען שפיגל אויסגעשליפן.

לאָז צעשווימען אין רויך פון פאַרגעסנקייט
מיין לעסטערונג פון דיין נאָמען, מלך־המלכים,
מער שולדיק פון דיר איך זאָל נישט בלייבן
מיט מיין מינדסטן פינגער,
ווען אויפגיין מיין נשמה אין שלאָף צום הימל וועט,
און דאָרט, אין אָפענעם פנקס,
אַ טייל פון מיינע באַגאַנגענע זינד
אויף דיין חשבון וועל איך פאַרשרייבן.

צוויי־געשטאַלטיקער

איינער ביסטו,
נאָר איך זע דיך
אין צוויי געשטאַלטן,
אוןביידע
ווען פון מיין בלוט נישט אַוועק.
איך וועל
באַגורטן מיט דויער
די פאַרב פון אייער קול
און ווייטע ווידערקלאַנגען
לעבן וועלן אייביק
אפילו אינעם רויטן טויט
פון אַלע מיינע זון־פאַרגאַנגען.

איינער ביסטו,
נאָר הערצער פאַרמאָגסטו צוויי.
און ביידע אָטעמען
צווישן ווייטע וועלטן.
פלאַטערט־זשע אַראָפּ פון אייער הימלישקייט,
אומשטערבלעכע.
באַטרעט די שוועלן
פון מיינע ערדישע געצעלטן.
צו די טירן מיינע
פירן נישט קיין גלייכע וועגן.
בלעטער אין געוועלק
וועלן אָבער פרילינגדיק אייך פליען אַנטקעגן.

פלאַטערט אַראָפּ צוויי־געשטאַלטיקע —
פון מיין חלום און וואָר.
אויב אייך וועט די פינצטערניש
אַראָפּשלאָגן פון גלייכן וועג
אַנטקעגן פליען זאָל אייך אַ פונק.
פון דיאָגענעסעס לאַמטערן.

אַנטפֿלעק זיך נישט

אַנטפֿלעק זיך נישט אין קיין איינעם פֿון דײַנע געשטאַלטן —
דעם תוך פֿון אַלע דײַנע איכן
האָב איך פֿון לאַנג דערקענט.
צי דו האָסט אָנגעשאָטנט ווי די שטילקייט אַליין,
אָדער ווי אַ רייסנדיקער ווינט
פֿון שטורעם־לאַנד אָנגעפּראַלטן —
אַלץ איינס האָט דער אויפֿבליץ פֿון געוויטער
דעם טונקעלן פֿאַרטראַכט
פֿון דײַן מות אַרויסגעברענגט.

אַנטפֿלעק זיך נישט,
ווען אַפֿילו אין בגדי כהונה
אָנגעקליידעט זאָלסטו זײַן
און שטראָפֿן ווי אַ נביא די וועלט
מיט אירע בשר־ודמס
אויף מזרח, מערב, צפֿון, דרום.
דײַן קול דערשרעקט דעם פֿויגל־טרעל אין דער נעסט
און פֿירט דעם וואָגלער פֿון גלייכן וועג אַראָפּ —
אַלע דײַנע וועגן צו פֿאַנג־נעצן באַקערט.

אַנטפֿלעק זיך נישט,
נישט אויף דער וואָר, נישט אין חלום זיך אַנטפּלעק.
נישט געבוירן האָט דיך קיין באַרג,
דײַן פֿאַרשווינדן אַ ברכה איז,
אַ קללה — דײַן אויפֿקום פֿונדאָסניי.
דער בליק פֿון דײַן אויג — אַ פֿרירנדיקע קעלט,
דײַן בלוט איז בליי.
מיט דײַן באַווייזן זיך
אַלע ליכטער גייען אוים.

וויפֿל מאָל דו האָסט זיך שוין געביטן,
נאָר איך ווייס ווער דו ביסט —
אַ שטויבעלע אַ קליינס אין וועלט־געווירבל,
אַ נישטיק שטויבעלע בלויז
מײַנע אויגן צו פֿאַרשיטן.

גלייכן חלק

אַלמעכטיקער גאָט פון מיינע אוראַלטע אבות,
זאָל געשען צו מיר דיין הבטחה,
אַז פון אַלץ,
וואָס דיין הייליקע האַנט באַשאַפן האָט,
דיין קנעכט אַליהו בן יעקב וועט געניסן,
ביז דו וועסט זיין אָפּגעלעבטן לעבן
פון דיין אַלטער וועלט,
ווי פון אַ... (זיי מיר מוחל) נאַכט־כּלי
אין אַ צווייטן פּלאַנעט איבערגיסן.

איך זאָג נישט:
מיין חלק ברויט האָסטו באַשערט,
אַפילו וויין לרוב,
נאָר ווייניק אַ ביסל! —
אַלץ וואָס דיין געטלעכער אוצר פאַרמאָגט
מיט דיר צוגלייך
אַ חלק וויל איך האָבן.

אויב נישט?
וועל איך אָנווייזן אויף דיר דעם אַרכעאָלאָג,
און ער,
פריער אָדער שפּעטער,
וועט סוף־כּל־סוף
צו דיר זיך שוין דערגראָבן...

אַ נאָמען

אַ נאָמען אַליין איז נאָך נישט קיין מענטש,
און אַ מענטש איז נישט בלויז אַ נאָמען.
זיי מוחל, איך בין מיט באַשוכטע פיס
אין דיין היכל אַריינגעקומען.

די פענצטער פונעם היכל האָבן געגליט —
פון דיין חכמה־ליכט אָנגעצונדן,
נאָר דיך אַליין האָט דיין שאָטן געהיט,
ווי דער שטעקן די טריט פון אַ בלינדן.

און ווי אַ בלינדער האָסט מיך נישט געזען,
כאָטש כ׳בין פאַר די אויגן דיר געשטאַנען.
און אפשר ביסט דאָרט לחלוטין נישט געווען —
איז דען נאָך אַזאַ ווי דו פאַראַנען?

אַזוי אָדער אַנדערש, ווי עס זאָל נישט זיין,
אויב אַ צווייטן אויף דיין אָרט כ׳האָב געטראָפן,
איז דער צווייטער אויך דו אַליין,
נאָר אויף אַ רגע פון זיך אַנטלאָפן.

אַלצאיינס ביסטו ווייט פון זיך נישט אַוועק
און פון הימל צו זיך נישט געקומען.
אפילו אויף טראָגנען וועסט בלייבן אַ פלעק —
מעג צום הימל גרייכן דיין נאָמען.

פאַרנעם

פאַרנעם דעם ווידערהילך
פון רייד נישט פאַרגייענדיקע,
און דעם ווײ, וואָס אין אים איז פאַראַן —
יסורים הימלשרייענדיקע.
מיט רחמים פול
נייג צו דיין אויער און הער
זייער יאָמער אין האַרץ פון ווינט,
אין בלאַט פון בוים,
אינעם שטראָמען פון טייכן.
זיי קאָנען נישט,
ווי דער הימל, צו דער אייגענער הייך דערגרייכן.

פאַרנעם די רייד
מיט שימל טויזנטיעריקן באַדעקט.
דורך זיי
האָט דאָך אין גלי פון זעאונגען,
אויף בערג פון אַרבע פינות עולם
דער נביא געצאָרנט
(אַ קול קורא במדבר).
הינטער וואָלקנס פון וויסטער וואָר
בורשטינענע חלומות געמאָלן
און מיט דער מעכטיקייט פון אָדלער
אַ באַפליגלטן מיט רוח הקודש
אין מרכבות פון פייער געשפּאַנט,
די הימלען געשטורעמט.

אָ, זאָל מיר ביישטיין דעם נביאס זאָג,
וואָס זיין כוח איז מסוגל צו באַהעפטן
מזרח מיט מערב,
אַז מיין שווידער־שירה
צווישן וועלט און אומוועלט
פאַנאַנדערהענגען זאָל
און צעגליען ווי שטערן אין אַ פינצטערניש אַזאַ,
וואָס האָט קיין נאָמען נישט.

פאַרנעם דעם ווידערקול, פאַרנעם,
פון רייד נישט דערהערטע,
נאָר מיך פון זיי באַפריי,
ווייל מיד בין איך, מיד
אויפצוברענגען צו דיין אייביקער נישטדאָיקייט
די גרויסע קלאָג
פון אַלע ביינער-טאָלן
און מאַכן דיך אָנטרינקען מיט דעם טרערן-טייך
פון מיין אַלט-באַניייטן עמק-הבכה.

פאַרנעם דעם ווינד און וויי
צו קיינעם קיינמאָל נישט דערגאַנגענע,
די רגע פון פיין פאַרמשפטע אויף דויער,
דעם צער פון באַרג
אין זומפּ פון זיין אייגענער דערהויבונג,
דעם בר-מינן-ריח
וואָס עיפּושט פון אַלע בראשיתן
אויף דער גאַנצער פלאַך פון כדור-הארץ —
באַוואכטע פון גוטע מלאכים,
מיט טייוולאָנישע פליגל אין לויער.

פאַרנעם מיין תפילה,
שר פון דעם אַמאָליקסטן היינט,
ממונה איבער דעם היינטיקסטן אַמאָל,
דו, וואָס דו קאָנסט דעם טויט אַליין
מחיה-מתים זיין.
אַזויפיל זונען אָפּגעשיינט
און איך יאָג זיך אַלץ
נאָך מיין אייגן קול.
נייג דיין רחמימדיק אויער צו מיין וואָרט,
ביז די לעצטע שקיעה
אין פענצטער פון דער וועלט לעשט אויס.
אפשר ביסטו אינגאַנצן נישט פאַראַן —
אויסטראַכטן וועל איך דיך,
און אויב געשטאָרבן ביסטו —
פון קבר רוף איך דיך אַרויס.

אַ תּפילה צו מיין חלום

באַהויך מיין געמיט מיט רו,
יוען שאָטן פון נאַכט די ערד
באַפאַלט און לעשט
די לעצטע שעה פון טאָג,
וואָס ברענט
ווי אַ טויטליכט צוקאָפּנס פון וועלט.
אָ, בלויע טרייסט,
דערהויבענער פון יעדער וואָר
גישט דערחלומטער חלום מיינער!
גישט טו זיך פון מיר אָפּ,
ווען מיר אָטעם פאַרפעלט
אויפצוברענגען דעם ווייַ פון געזאַנג.

מיט רחמים באַוועב
מיין ליד, אַז אויפגיין עס זאָל
פון דער שטומסטער קעל
און גרייכן
ביז ווייטן ווידערקלאַנג
אַ געהילטס אין זיבנפלאַמיקן גלי
פון אייביקן הימלבויגן.
פאַרלאָז מיך נישט,
פון יאוש מיך באַוואַך,
ווען פאַר מיין אייגענער שוועל,
ווי אַ פרעמדער בלייב איך שטיין
און שטערן וויינען
אַרוים פון מיינע אויגן.
מאַך לויטער מיין געדאַנק,
מיט וואָרט אים באַלעב.
באַפלינל אין מיר
פון יצירה די קראַפט,
אַז טראָגן זי זאָל
מיין שירה דורך דער צייט.

אָ, חלום דערהויבענער מיינער!
מיט דיין רחמים מיין שלאָף פאַרטיף,
זאָל קיין שליטה נישט האָבן אויף אים
אַפילו דער העלסטער באַגין;
אַליין פאַר דער זון
מיין טיר
אויף זיבן שלעסער פאַרשלים.
זי הענגט אין דער לופט
ווי אַ גליאיקער שטיין —
נישט איך צו איר,
נישט זי צו מיר דעם וועג געפינט.

וואָרט און מחשבה

אויב נישט צו גאָט
און נישט צום מענטש,
באַשאַפענעם אין גאָטס געשטאַלט —
צו וועמען דען,
אין וואָס פאַר אַ ווינקל פון וועלט
זאָל איך אייך ווענדן —
צום בוים אין וואַלד?
צום ווינט אין פעלד
די אייגענע אויגן מיט אייך זיך בלענדן? —
זייט מיר מגלה דעם סוד.

אפשר צום שטורעם,
צום ים,
צום אוראַלטן פלאַם
פון נביאס מרכבה
צו הימלען דערהויבן?
צו דער זון, ווייל זי לייכט?
לבנה און שטערן?

דאָס קול פון דער ערד
צום הימל נישט גרייכט,
דאָס געשריי פון דעם טאָל
עס ווילן די שטערן נישט הערן,
עס זענען נישט ערדישע ווערטער
קיין טויבן — — —

דער האַר פון אַלע האַרן

דער האַר פון אַלע האַרן
אין צעדריוועלטן וואַנדער־קלייד
אייביקט זיך אין דער פאַרלירעניש
פון נישט נאָענט און נישט ווייט.

קיין הימל באַדעקט זיין קאָפּ,
קיין וועג — פאַר זיינע טריט,
נאָר צייט און רוים אַרום אים
און ער ווי אַ פלעק אין דער מיט.

זיין טאָג — נישט קיין טאָג, נישט קיין נאַכט
זיין מידקייט קיין שלאָף נישט באַפאַלט,
זיין יאָר, ווי אַ רגע איז קורץ
און די רגע ווי יאָרן איז אַלט.

וואָגלט דער האַר פון אַלע האַרן,
„אייביקט" אָן אַ דאָרט און אָן אַ דאָ.
איז וואָס־זשע קאָן אייביקער נאָך זיין
פאַר דעם, וואָס איז אינגאַנצן נישטאָ?!

און שלעכט איז דעם האַר פון אַלע האַרן,
אין קלעם פון צייט איין און צייט אויס.
ע ר — דער איך פון אַלע איכן —
קאָן פון זיין איך נישט אַרויס.

פאַרשעלט ער דעם טאָג פון בראשית,
וואָס האָט אים אויסגעטראַכט,
און אים אין דער ענדלאָזער אייביקייט,
ווי אין אַ שטייג פאַרמאַכט.

ווען דאָס ליד מיך באַפאַלט

פאַרלאָז די שוועל פון מיין הויז,
ווען דאָס ליד מיך באַפאַלט,
אַז איך זאָל דיך, בייזער גייסט, נישט פאַרגלייכן
מיט מיין זעאונג אויפן ראַנד פון אַ טרוים.
אַמאָל געשעט,
אַן איינציק וואָרט פון ליד
אַ קאָפּ צעשפּאַלט.
עס קאָן דיך אַזאַ וואָרט דערגרייכן,
ווי דער בליץ
אין פעלד דעם בוים.

פאַרלאָז די שוועל פון מיין הויז,
ווען מיך באַפאַלט דאָס ליד.
אויף מיין הימל דעמלט זע איך
ווייסע שוואַנען-פליגל אָנגעשוווּמען.
אָ, וויפל מאָל האָב איך געפילט,
ווי די שוואַנען-ווייסקייט
מיט שוואַרצן פייער בריט,
ווייל דיין שאָטן אין איר
האָט זיך אַריינבאַקומען.

פאַרלאָז די שוועל פון מיין הויז,
ווען שטילקייט-סטרונע ציטערן נעמט,
אַז נישט פאַרגרילצן זאָל דיין געברום
דאָס געזאַנג צווישן הימל און ערד.
דו האָסט מיין ליד
אין בין-המצרים אַריינגעקלעמט,
נאָר נישט פאַרשטומט.

ווייך אָפּ פון מיין שוועל,
ווען דאָס ליד אין פייער פון יצירה ברענט —
מעג ליכטיקן אין מזרח,
מעג פינצטערן אין מערב-ראַנד,
אָ, באַשער מיר, באַשער מיר, שר פון שירה,

אַז אין שפּיגל פון מיין ליד
זיך אַליין זאָל איך האָבן דערקענט;
אַז מיין לעצט געזאַנג
אויסזינגען ערגעץ זאָל איך
אין אַן אויסגעטראַכטן שוואַנען־לאַנד.

באַשיץ מיך, טאָל!

באַשיץ מיך, טאָל, פון דער בעלמע־זון,
פון „דערהויבענעם" נע־ונד מיך באַהיט.
אויף כוואַליעס פון ליכטיקן אָנפלייץ
האָב איך זיך באַרג־אַרויף געטראָגן
און געזען, ווי די ליידיקייט
האָט די ראיה פון מיין טאָג אויסגעברענט
און וווּנדן אויף זיין קאָפּ אויסגעגליט.

באַהיט מיך, טאָל, פון אויפשוווּנג
וואָס וואַקסט זיך אַליין אַריבער,
פון פאַרגאַנג, וואָס האָט קיין אויפגאַנג נישט געהאַט
מאַך רוען דיין סאַמעט־שאָטן הינטער מיינע טריט,
אַז איך זאָל איבער אים נישט געשטרויכלט ווערן,
ווייל יאָגנדיק צום אייביקן פאָראויס
דרייפאַכיק הינטערשטעליק זיי בלייבן איבער.
באַשיץ מיך, טאָל! כ׳האָב אָפּגעקערט פון באַרג,
ווייל ווייסט איבער אים איז די הויכקייט
און די בעלמע־זון, די אין הימל פאַרליבטע, דערווידער.
כ׳האָב אַראָפּגעקלעטערט פון וועלטשיפּוע,
וואָס איז מער פינצטער אין זיין ליכט פון אַלע נעכט
און תהומעדיקער פון יעדער נידער.

דעם וואָלפס תפילה

אַ־או־או־או־או־או!
איך רוף דיך, גאָט,
צו דיין אַלצהערעוודיקן אויער
ברענג איך אויף מיין טענה,
אַז באַוויליקן דו זאָלסט
מיט דיין גרויסן גנאָד
אַ שטילע שעה אַזאַ,
ווען די סאָווע,
די נאַכט־באַוויינערין,
די לופט מיט איר קול נישט בויערט, —
מיין קלאָג צו דיר זאָל דערלאַנגען.
דאָס האָסטו דאָך, געוועלטיקער,
די האָריקע לאַפּעס מיינע
מיט שאַרפע נעגל געבענטשט,
דעם פּיסק — מיט רייס־ציין,
מיט רציחהשן שפּרונג,
ווייכן קעצישן טראָט,
קיינמאָל נישט געזעטיקטן שלונג,
מיט שטענדיקער פּאַרטייעטקייט אויף לויער.

פּאַרוואָס־זשע האָסטו מיך, אַלמעכטיקער,
מיט הונגער געשלאָגן?
געלאָזט פּאַלן איבער מיר
פון חייב־מיתה דעם גזר?
מיין היינט, אַזוי ווי דיינער,
איז אַ ווייטער, ווייטער, נעכטיקער,
נאָר דו, אויפן העכסטן באַרג מיט מיסט,
געזען פון אַלע ווינקלען וועלט,
האָסט דיין מלכות־שטול אַוועקגעשטעלט,
גרויסער הימלישער האַר,
און באַוויקלט מיט גן־עדן־שלאַנגען.

אַ־או־או־או־או, גאָט,
דאָס באַשעפעניש — אין דיר געראָטן,

זיין נאָמען איז — מענטש,
לאַנג פון הייל אַרויסגעקראָכן,
אויף מיר געוואָרפן זיין שאָטן,
די ביינער מיט דרענגער צעבראָכן,
פאַרשטיינערט מיט שטיינער,
מיט יעגער־הערנער פון נאָרע פאַרטריבן;
און דו, וואָס אַלץ אַריבערלעבט,
איך זע דיך אַמאָל
אין שווערע וואָלקנס, גרוי ווי מיין פעל,
ווי אַ שפּין אין זיין געוועב אַריינגעוועבט.
אַ שוואַרצע שרעק פאַר דיר
אין מיין וואָלפיש האַרץ איז פאַרבליבן
זינט דיין אויסדערוויילטער
אויף די לאַפּעס הינטערשטע
געטאָן האָט זיך אַ שטעל.

אָ, וויי איז מיר, וויי.
אויף וויפל אומגליקן
פאַרבראָכן האָבן זיך שוין דיינע הענט?
דאָס קלענסטע פליגעלע,
דאָס ווערעמל אויף דער ערד
דיין השגחה באַוואַכט,
דורך דיר עס ווערט געשפּייזט;
דעם רויבער זיין רויב באַשערט
און נאָר דורך דיין מויל
די פינצטערניש פון תהום
איבער זיך דעם שטערן־ציטער וועקט.
און איך? אַ־או־או־או!
פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרשטויסן?
מיין הונגער אַ שאָף אויף שטיקער צערייסט,
נאָר פון מיין טויטן וואָלפנקינד
דער אייגענער הונגער פרעסט דאָס פלייש,
און זיין בלוט —
מיין צונג פון שניי אַראָפּ לעקט.
איי, וויי מיר, ווינד!
באַשיץ מיך, מענטשלעכער גאָט,

שרעקלעכער גאָט,
פון דיין צווייפיסיקנס אויג
און זיין קנעכטישן הונט.

ווי צו מיין איינגעשרומפּענעם מאָגן!
דאָס פלאַטערל קלעפּט צום בוים,
די מוראַשקע אין איר נעסטל פאַרקריכט,
און איך — די שרעק פון וואַלד! —
יאָמער אַריבער פון ווינט דאָס געשריי,
די קולות פון ווייסן זאַווי
אין פראָסטיקן רוים,
איבער אייזיקן פאַרשמידטן טייך,
איבער וויסטע סטעפּעס אויסגעצויגן.
קעגן פייער-צעשפּריץ
פון יעגערס שרויט מוז איך טראָגן
פאַרטייעטן פּחד
אין מיין מאָגערקייט פון הוילע ריפּן-ביינער,
און באַלייכטן פון הונגער-טויט דעם וועג
מיט לבנות צוויי — מיינע אויגן.

אַ-או-או-או-או-או-או!
מיין מויל אין פליסנדיקן רויט,
אין צאַפּל פון לעבן די ציין פאַרשטאָכן.
מיט וואָס בין איך אַנדערש פון דעם,
וואָס זיין פּנים איז דיינס
און אויף שייטערס דאָס פייער אַליין ער פאַרברענט,
פאַרגיסט די ערד מיט הייסן בליי,
קליידט אין אַלע פאַרבן אָן דעם טויט,
און איז דער טויט אַליין...

אַ-או-או-או-או, באַשאַפער!
פריי בין איך פון דעם עול
אין דיינע תורות צו גלויבן,
דיר צו דינען
קיינער האָט מיר נישט באַפוילן.

מיין פירפּיסיקער שטאָם
קיין קין האָט נישט פאַרמאָגט, קיין ברודערבלוט פאַרגאָסן.
קוק אַראָפּ און זע:
אונטער מענטשישן טראָט
אפילו שטיינערנע לוחות פוילן
און עס יאָגט זיך דער „אחרית־הימים“
נאָך געקוילעטע טויבן.

זע, עס ברענט די ערד,
פון יעדן ווינקל פייער שלאָגט,
ווי סטאַדעס מיט הינט
יאָגן זיך יאָרן געקייטלט אין טעג,
מיט אמתן איבערגעזעטיקט,
אויף וועג און אויף אומוועג,
דורך מיסט־אָנגעוואַלגער פון צייט,
אויף יאָרטויזנטער פאַרשפּעטיקט.
דו האָסט די שטערן באַשאַפן,
מיט זיי האָט מען גריבער באַשטערנט.

אַ, או־או־או־או־, גאָט,
הער, ווי אַ וואָלף דיין תורה לערנט
און דיין אייביקייט מעסט
מיט דער מאָס
פון נישטפאַרענטפערטע פאַרוואָסן.

אַ־או־או־או־או, דיין אמת.
נישט איך האָב וואַסערן פאַרסמט,
היימען פאַרברענט,
פון ביימער אין פעלד תליות געמאַכט,
נישט קיינעם דערוואָרגן מיט דיינע הענט
און נייע טויטן אויסגעטראַכט.
איך רוף דיך
אפשר נישט ביי דיין אמתן נאָמען.
אַמאָל, אין מיין נאָרע,
אין פאַרקראַמפּטן הונגער־שלאָף,
ווייזט זיך מיר אויס,
ווי פון אַ וואָלף וואָלסטו אַרויסגעקומען.

אַ, או־או־או־או־או!
פאַרגיב מיר, פאַרגיב,
אַ חיה בין איך בלויז
און פרעמד איז מיר, פרעמד
געלעכטער און טרערן,
חלום און באַשייד.
דיינע שעפעלעך האָב איך פאַרצוקט? —
איז דאָך דיין ווילן געוועזן דערביי.

אַ־או־או־או־או־או!
הערשער דערהויבענער,
פאַר דיר — ווער קאָן זיין נאָך העכער!
בעט איך דיך מחילה,
לאָז טריפן איבער מיר דיין רחמנות־טרער.
פון מיין וואָיען פאַרנעם די תפילה:
אין יענערס האַנט
דעם טויט־מכשיר צעברעך,
מיט דער צעפייערטער קויל
זיין אייגן לייב צעלעכער,
אין טעג פון שנייאיק־שטילן טויט.

אין שטייפער, ווי מיין קאַרק, פראָסטיקער לופט,
הער, מיין יאָמערדיק געוואָי
צו אַלע דיינע הימלען רופט.
נישט לאָז קיין שטראַל פון ליכט
אין מיין שוואַרצער נאָרע אַריין,
פאַרפינצטער יעדע שיין איבער מיר!
האָסט באַשאַפן די וועלט,
און מיך צוזאַמען מיט איר —
בין איך דאָך נישט אַליין.
אויף אַלע קולות רוף איך צו דיר:
פאַרלאָז מיך נישט!
וועלפישער, מענטשלעכער גאָט
מיט רחמימדיק צעשטשירעטע ציין.

און דאָס זענען די לידער:

איך און דו

געליבטע מיינע . . . 7
בענקשאַפט . . . 8
דער מענטש פון עתיד . . . 9
פרייער ווינט . . . 10
פאַרלאָז דיין וועג, מיין פריינד . . . 11
דיין האַרטע וואָר . . . 13
וואָס יאָגסטו אַזוי? . . . 14
איך בין דער גלגול . . . 15
קוק אים אָן . . . 16
דאָס וואָס אין מיר . . . 17
אַ זילב . . . 19
דריי פייערן . . . 20
מיין היים איז אין וועג . . . 21
נאַכט-מחשבות . . . 23
שלאָף, שלאָף . . . 24
זאָג מיר . . . 25
דער האָמאָ סאַפּיענס . . . 26
דאָס בין איך . . . 26
כ'בין דער הייגט . . . 27
די אור-בין . . . 27
לעצטע מיינע שטערן . . . 28
דערפאַר . . . 29
עד צוויפיסיקער נאַר . . . 30
געזאַנג צו מיינע לידער . . . 31
צו עמיצן . . . 32

נישט מיט ווערטער צו באַזינגען

אין אַ נאַכט אַזאַ . . . 35
זון . . . 36
אין שטילע שעהן פון פאַרגיין . . . 37
זינג, מיין ערד . . . 38
מילדער, גוטער ווינט . . . 39
אָדע צו די וועלדער . . . 40
ערב זונען . . . 41
בלי-צייט . . . 42
נעם צונויף . . . 44
דער ברוין-בלויער ווינט . . . 45
דורכן וואַלד . . . 46
די ערד . . . 47

דאָס גרעזל	48
אין פעלד	49
פאַרנאַכט אין פעלד	50
כ'האָב די זון געפאַנגען	51
האַרבסט	52
ישניי	53
ביים ים	54
שאָטנשפּיל	55
מלכות פּאַסיידאָן	56
זון־פאַרגאַנג	57

ווייטע ווידערקלאַנגען

שענק מיר, זיידע, דיין האַק	61
מיין מאַמע שרה	62
קענען לוימערן שכל	63
ווייטע ווידערקלאַנגען	64
קומען וועט אַ טאָג	66
שבת־מלכהדיקע יידן	67
אומרו און רו	69
וויל געבוירן האָט דיך די ערד	70
דער עץ־החיים	71
איך בין עס נישט	72
באַכוס	73
ווערטער פאַרוואָגלטע	74
פאַל נישט אַראָפּ פון די הויכן	75
נעפּלען בלאָנדזשענדיקע	76

געדאַכט

וואָלט איך בעסער מיין ליד	83
בלינד און טויב	84
זוימען פון ווערטער	85
כ'האָב זיך אַריינגעחלומט	86
זויים אָדער שוואַרץ	88
אונטער הימלען	89
דער מלך	91
אַריינגעזונגען	92
אַזוי פיל לעבן	93
דער נביא	94
די ערשטע רגע	95
דער שטערנזעער	96
פאַראַן אַ צייט	97
דור־הפלגה־רייד	98

דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען 99
דער פּרדס ברענט 100
ליכט אויסגעגאַנגענע 101
שטערן 102
נישט יאָג זיך 103
ווען איך זאָל קאָנען 104
שאָטנס 105
אויב ערגעץ 106
זיבן הימלען 107
זאָל געגענען 108
נישט פאַר דיר 109
בליצן 110
אָנהייב און סוף 111
אין אַ ווייט לאַנד 112
די העכסטע הויכקייט 113
ווו עס גרייכט מיין געדאַנק 114
דאָס פענצטער פון דער וועלט 115

תפילות

אַ לויב דיר 119
דאָס געוויין פון שטיינער 120
אין טיפע צייט-לאַבירינטן 123
גיב מיר פליגל 124
דער חלק חכמה 125
מיינע זינד 126
צווייגעשטאַלטיקער 127
אַנטפלעק זיך נישט 128
אַ גלייכן חלק 129
אַ נאָמען 130
פאַרנעם 131
אַ תפילה צו מיין חלום 133
וואָרט און מחשבה 135
דער האַר פון אַלע האַרן 136
ווען דאָס ליד מיך באַפאַלט 137
באַשיץ מיך, טאָל 138
דעם וואָלפס תפילה 139